NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09042

MOSHEH MENDLSON, 1729-1786

Beryl Segal

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערל סיגאַל

משה מענדעלסאָן

1786—1729

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג קינדער־רינג
ביי דעם
בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק.

קינדער-רינג-ביבליאָטעק

סעריע: היסטאָרישע געשטאַלטן

משה מענדלסאָן

פון בערל סיגאַל

Copyright, 1941, by
Farlag Kinder Ring
of the
Educational Department of the Workmen's Circle
New York, N. Y.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 200

Printed in the U. S. A.



משה מענדלסאָן

1786—1729

אַ קינד פֿון געטאָ

עס איז אַ קאַלטער ווינטערטאָג.

משה ליגט אין בעט אַ בלייכער און אַ שוואַכער. אַז ער ליגט גלײַך אויפֿן רוקן, מיט פּנים אַרויף, פֿילט ער ניט קיין ברעקל ווייטאָג.

אין צימער איז שטיל און טונקל. בײַם טיש לעבן פֿענצטער זיצט דער טאַטע און שרײַבט. משהס טאַטע איז אַ סופֿר. אַלע ספֿר-תּורהס אין דער שול פֿון דעסוי האָט זײַן טאַטע געשריבן. ער שרײַבט אַפֿילו ספֿר-תּורהס פֿאַר די שולן פֿון אַנדערע שטעט.

משה פֿאַרקוקט זיך אויף זײַן פֿאָטערס אײַנגעבויגענעם רוקן. ער קען הערן דאָס קריצן פֿון דער גענדזענער פֿעדער איבער דעם שטײַפֿן פּאַרמעט. דעם טאַטנס קאָפּ דרייט זיך לאַנגזאַם פֿון רעכטס צו לינקס. משה קאָן וויסן ווען דער טאַטע הייבט אָן אַ נײַע שורה, און ווען ער האַלט אין מיטן אַ שורה, און ווען ער פֿאַרענדיקט אַ שורה. ווען משה איז געזונט שטייט ער אַלע מאָל איבערן טאַטנס אַקסל און קוקט ווי פֿון יעדן קריץ מיט דער גענדזענער פֿעדער בלײַבט איבער אויף דעם ווײַסן פּאַרמעט אַ גלאַנציקער שוואַרצער אות.

משה פֿאַרמאַכט די אויגן און לייענט אויף אויסווייניק די שורות וואָס דער טאַטע שרײַבט. די ווערטער שײַנען אַרויס פֿון דעם פּאַרמעט און קומען אַלץ נענטער און נענטער צו אים. זיי פֿילן אָן דאָס גאַנצע צימער.

ער איז ערשט צען יאָר אַלט, אָבער ער קען די פֿינף חומשים פֿון דער תּורה ווי ער קען די פֿיר ווינקלען פֿון זײַן טאַטנס הויז. און ער איז היימיש מיט די ספֿרים פֿון תּנך ווי מיט די טיש און בענק פֿון דער ישיבֿה אין דעסוי.

אַ שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויפֿן בלייכן פּנים פֿון דעם יינגל, ווען ער האָט פֿאַר זיך געזען די ישיבֿה, די תּלמידים, און דעם רבין רב דוד-הירש פֿרענקל.

ער האָט ליב די ישיבֿה. ער האָט ליב די ספֿרים. און דעם רבין האָט ער נאָך מער ליב.

זאָל ער שוין נאָר געזונט ווערן, וועט ער שוין אָפּלערנען פֿאַר די טעג און וואָכן וואָס ער האָט אָנגעוואָרן צוליב זײַן קראַנקייט. ער וועט לערנען בײַ טאָג און ער וועט לערנען בײַ נאַכט... און אַז ער וועט אויסוואַקסן וועט ער זײַן אַ רבֿ. אפֿשר אַזאַ גרויסער רבֿ ווי רב דוד-הירש פֿרענקל? און ער וועט אויך שרײַבן ספֿרים ווי רב דוד-הירש! זאָל ער שוין נאָר געזונט ווערן! זאָל ער שוין נאָר ווערן אַ גרויסער!

***

ניט ווײַט פֿון דער שטאָט בערלין, אין דײַטשלאַנד, איז דאָ אַ שטעטל מיטן נאָמען דעסוי. אַמאָל איז דעסוי געווען די הויפּטשטאָט פֿון אַ קליין מלוכהלע אַנהאַלט. אַזוינע קליינע מלוכהלעך זײַנען געווען אין די צענדליגער אין דײַטשלאַנד פֿון אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק. פּרינצן, און פֿירשטן און בישאָפֿן, האָבן געהערשט איבער די האָזיקע מלוכהלעך, און האָבן זיך אויפֿגעפֿירט גלײַך ווי זיי וואָלטן געווען ווער ווייס ווי גרויס און מעכטיק.

אין אַ סך פֿון די מלוכהלעך האָבן ייִדן ניט געטאָרט וווינען. אין אַנדערע האָט אַ ייִד אַפֿילו ניט געטאָרט זײַן פֿוס אַרײַנשטעלן. דאָרט וווּ ייִדן האָבן יאָ געקענט וווינען, זײַנען זיי אויסגעשטאַנען גרויסע צרות. מען האָט געקוקט אויף די ייִדן ווי אויף פֿאַרשאָלטענע, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט זיי באַליידיקט און באַרויבט. אין די מערסטע שטעט און שטעטלעך איז די ייִדישע גאַס געווען אַרומגעצוימט מיט אַ שטיינערנער וואַנט. דאָס איז געווען די ייִדישע געטאָ. אַ ייִד האָט זיך ניט געטאָרט באַווײַזן אין די אַנדערע גאַסן, אויסער דער געטאָ, אָן אַ צייכן

אויף די קליידער וואָס זאָל ווייזן, אַז דאָס גייט אַ קינד פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם פֿאָלק. אין אַ זונטאָג און אין אַ קריסטלעכן יום־טובֿ־טאָג האָבן יידן זיך ניט געטאָרט באַווייזן אויסער דער געטאָ. באַלד נאָך זון־אונטערגאַנג האָבן זיך יידן געאײַלט אַהיים צו קומען. די טויערן פֿון געטאָ האָט מען אָפּגעשלאָסן איבער נאַכט און אַ שומר האָט געהיט אַז קיינער זאָל ניט אַרויסגיין און ניט אַרײַנקומען ביז אין דער פֿרי.

די יידן זײַנען געווען דאָס אייגנטום פֿון דעם הערשער, פּונקט אַזוי ווי זײַנע קי און זײַנע פֿערד און זײַנע גערטענער. זיי זײַנען געווען אַ קוואַל פֿון אײַנקום וואָס האָט זיך גאָרניט געטאָרט אויסלאָזן. יידן האָבן געדאַרפֿט צאָלן פֿאַר אַרײַנקומען און פֿאַר אַרויספֿאָרן פֿון איין מלוכה אין דער אַנדערער. זיי האָבן געדאַרפֿט באַצאָלן פֿאַר אַ קינד, וואָס ווערט געבאָרן, און פֿאַר אַ קינד, וואָס האָט חתונה; פֿאַר דער לופֿט וואָס מע אָטעמט בײַם לעבן און פֿאַר אַ שטיקל ערד אויף אַ קבֿר; פֿאַר בויען אַ הויז וווּ צו לעבן, און פֿאַר זוכן פּרנסה פֿון וואָס צו פֿאַרדינען.

צאָלן, צאָלן און צאָלן אויף יעדן טריט! און ערשט דאַן נאָך דעם אַלעמען האָבן יידן ניט געטאָרט קויפֿן קיין לאַנד, און ניט אַקערן די ערד. ניט געטאָרט זײַן קיין בעל־מלאכות און ניט זײַן באַשעפֿטיקט בײַ קיין פּראָפֿעסיע. אַ ייד האָט ניט געטאָרט חלומען פֿון אַ שטעל בײַ דער רעגירונג. אויף יעדן ריר איז געווען אַ געזעץ. דאָ ניט גיי, דאָרט ניט שטיי, דאָס ניט טו, אַהין ניט קוק!

אין דעסוי, וווּ משה, דער זון פֿון מענדל סופֿר, איז געבאָרן געוואָרן, איז ניט געווען קיין געטאָוואַנט אַרום די יידישע געסלעך. אָבער די הונדערט און פֿופֿציק יידישע משפּחות פֿון דעסוי האָבן אַלע זיך געשטיקט אין עטלעכע געסלעך. פֿון יענער זײַט טײַך האָבן זיך געצויגן פֿעלדער און וועלדער. דאָרט זײַנען געשטאַנען די הײַזער פֿון די קריסטן, אַרומגערינגלט מיט גערטענער. אויפֿן באַרג איז געשטאַנען דער שלאָס פֿון דעם פֿירשט

פון אנהאלט. אהין האט א יידיש קינד געקוקט מיט בענקענדיקע אויגן און מורא געהאט ארויפצוגיין. דארט האט מען געווארפן שטיינער, געמאכט חוזק און אנגערייצט הינט. דארט האט יעדער איינער געקענט נאכשרייען א יידן זידלווערטער אומגעשטערט און אומבאשטראפט.

משה מיט זיינע חברים האבן פארבראכט זייערע טעג און יארן אין די יידישע געסלעך פון דעסוי. צו פינף יאר האבן שוין די יידישע קינדער פון דעסוי, און די קינדער פון אלע אנדערע געטאס אין דייטשלאנד, אנגעהויבן צו לערנען אין חדר. און געלערנט אין חדר האט מען פון אין דער פרי ביז נאכט. ווען משה איז אלט געווען זעקס יאר, האט אים דער טאטע גע־טראגן אין בית־המדרש אריין לערנען. עס איז געווען זייער א קאלטער ווינטער אין יענעם יאר. א קליינינקער איז ער געווען, און דערצו נאך א שוואכער. האט אים דער טאטע אויפגעוועקט ארום פיר א זייגער פאר נאכט, איינגעוויקלט אין א ווארעמען מאנטל און אים געטראגן אויף די הענט צו לערנען תורה. אין דרויסן איז נאך געווען פינצטער, נאר אין די יידישע הייזער האט שוין געלויכטן. מאמעס האבן ארויסגעשיקט זייערע זין אין חדר אריין און אין בית־המדרש אריין. טאטעס האבן זיך ארוים־געלאזט מיט פעק אויף די פלייצעס האנדלען. א גאנצן טאג זיצן די קינדער אויף די בענק און לערנען עברי, לערנען חומש, לערנען גמרא. א גאנצן טאג גייען די טאטעס ארום איבער די קריסטלעכע גאסן, איבער שטעט און דערפער און פארקויפן אלטע קליידער, טעפ און טעלער, צירונגען און געווירצן.

משהס טאטע, מענדל דער סופר, איז אויך געווען א מלמד פון קינדער. ביי מענדל מלמד האבן געלערנט די גאר קליינע קינדער. ווען זיי האבן זיך אויסגעלערנט לייענען די תפילות אין סידור און זאגן ברכות, זיינען די קינדער אריבער אין בית־המדרש אריין. דארט האבן זיי געלערנט ביז דרייצן יאר. א קליינע צאל קינדער זיינען געווארן ישיבה־בחורים. זיי האבן

אַ סופר
(געמאָלן פון דעם באַרימטן יידיש־האָלענדישן מאָלער יוסף איזראַעלס)

געלערנט יאָרן לאַנג ביז זיי זײַנען געוואָרן רבנים און למדנים. די מערסטע האָבן אויפֿגעהערט צו לערנען ווען זיי זײַנען געוואָרן בר־מצווה. נאָך דעם האָבן זיי זיך אָנגעטאָן געלע לאַטעס אויף די מלבושים און אַרויפֿגעוואָרפֿן פּעקלעך סחורה אויף די פּלייצעס. אין געטאָ זײַנען אַלע יאָר צוגעקומען נײַע הענדלערס און נײַן דאָרפֿגייערס.

אַ רבי און אַ ספר

צען יאָר איז משה אַלט געווען, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען בײַ רב דוד־הירש פֿרענקל. רב דוד־הירש איז געווען דער רבֿ פֿון דעסוי און אויך דער ראש־ישיבֿה. בײַ אים האָבן געלערנט די גרעסערע בחורים, וואָס האָבן געהאַט גוטע קעפּ צום לערנען און וואָס מען האָט געהאָפֿט, אַז פֿון זיי וועלן אַרויסקומען רבנים פֿאַר די ייִדישע שטעט און שטעטלעך פֿון לאַנד. רב דוד־הירש אַליין איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט געשריבן ספֿרים וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט.

פֿון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס רב מענדל סופֿר האָט געבראַכט זײַן קינד צו רב דוד־הירש פֿרענקל, האָבן זיך דער רבי און דער תּלמיד צוגעקלעפּט איינער צו דעם אַנדערן.

דער רבי האָט גאָר גיך דערזען, אַז דער ייִנגסטער תּלמיד זײַנער איז מער ווי גלאַט אַ ישיבֿה־בחור. זײַן באַגער צום לערנען איז גאָר פֿון אַן אַנדער מין. דאָס לערנען איז זײַן לופֿט, זײַן שפּײַז, זײַן גאַנץ לעבן. און דער קאָפּ איז שאַרף און קלאָר. געדאַנקען ווערן געבוירן יעדע מינוט.

און דער רבי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם ייִנגל ווי אויף זײַנס אַ גלײַכן. דאָס וואָס ער האָט אָפֿט ניט געקענט ריידן מיט דערוואַקסענע, האָט ער גאַנץ פֿרײַ געקענט אויפֿדעקן פֿאַר דעם צעניאָריקן תּלמיד.

ער האָט מיט אים געלערנט די נבֿיאים. ער האָט מיט אים

געלערנט דעם תּלמוד. און איין טאָג האָט ער אים געגעבן אין די הענט אַריַין אַ ספר, וואָס האָט דאָס קינד אַרויפגעפירט אויף דעם וועג, פון וועלכן ער איז שוין ניט אַפּגעטראָטן זיַין גאַנץ לעבן.

דאָס איז געווען אַ ספר מיטן נאָמען „מורה-נבֿוכים" וואָס איז דער טיַיטש: דער וועגוויַיזער פון די וואָס בלאָנדזשען. און געשריבן האָט עס אַ יידישער פילאָזאָף, רב משה בן מיַימון, אָדער ווי מע רופט אים געוויינטלעך — רמבם.

ווי אַ דאָרשטיקער הירש וואָס טרעפט אָן אויף אַ קוואַל וואַסער, אַזוי האָט זיך משה בן מענדל אַריבערגעבויגן איבער דעם ספר פון משה בן מיַימון. ער האָט פאַרגעסן די ציַיט פון עסן און ניט געפילט קיין מידקייט אין זיַינע גלידער. ער האָט די ליכטיקע זון ניט אָנגעזען, און ניט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך. בלויז אין די געדאַנקען פון דעם יידישן פילאָזאָף איז ער געווען פאַרטון טאָג ווי נאַכט.

וואָס האָט ער אַזוינס געפונען אין דעם „מורה-נבֿוכים"?

ער האָט דאָרט געפונען אַן ענטפער אויף אַזוינע פראַגעס וואָס האָבן אים שוין פון פריִער געעגבערט דעם מוח, און ער האָט דאָרט געפונען אַזוינע מינים געדאַנקען, וואָס ער האָט פון זיי פריִער אפילו ניט געטראַכט: וואָס איז דאָס אַזוינס גאָט וואָס אַלע גלייבן אין אים? קאָן מען פאַרשטיין מיטן שׂכל ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן? וואָס איז אמת? און ווי אַזוי קאָן מען באַוויַיזן וואָס איז פאַלש? וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט? וואָס איז דער מענטש אויף דער וועלט, און ווי אַזוי זאָל ער לעבן? וואָס זאָל אַ מענטש טון, אַז זיַין לעבן זאָל זיַין גוט און אמת און שיין?

ער ליגט שעהן לאַנג, טעג גאַנצע איבערגעבויגן איבער דעם וווּנדערלעכן בוך וואָס אפילו גרויסע פאַרשטייען עס קוים. ער פאַרטיפט זיך אין דעם ספר און ער פילט ניט ווי זיַין שוואַ- כער קערפּער ווערט נאָך שוואַכער, און זיַין אויסגעקרימטער רוקן

ווערט אים נאָך מער אויסגעקרימט. ער ווערט קראַנק, און ווען ער קומט צוריק צו די כוחות, פֿאַרבלײַבט ער שוין אויף אַלע זײַנע יאָרן מיט אַן אויסגעקרימטער פּלייצע וואָס זעט אויס ווי אַ הויקער.

דאָס קינד שעמט זיך פֿאַר זײַנע חבֿרים, שעמט זיך פֿאַר פֿרעמדע. און צו דער אויסגעקרימטער פּלייצע און שטאַמלדיקער אויסשפּראַך, קומט אים איצט צו אַ נײַער חיסרון. ער ווערט אַ שעמעוודיקער. ער האָט זיך שוין דערפֿון ניט אויסגעהיילט ביזן סוף פֿון זײַנע יאָרן.

דער רבי פֿאָרט אַוועק

דער רבי רב דוד-הירש פֿרענקל האָט זיך געקליבן אַרויסצופֿאָרן פֿון דעסוי, צו ווערן דער רבֿ פֿון בערלין. פֿאַר דעם דרײַצנ-יאָריקן משה איז דאָס געווען זייער אַ טרויעריקע נײַעס. עס איז געווען גלײַך ווי די זון וואָלט אויפֿגעהערט צו שײַנען אין מיטן העלן טאָג. אויך פֿאַר משהס טאַטע-מאַמע איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. וואָס וועט איצט ווערן פֿון זייער זון?

ער וואָלט געקענט אַוועקפֿאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט צו לערנען אין אַ ישיבֿה, ווי עס טוען צענדליגער אַנדערע יינגלעך. אָבער ווי קענען זיי אַוועקלאָזן אַזאַ קראַנק יינגל אין דער פֿרעמד? ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן, ווען ער וועט קראַנק ווערן? און דערצו זײַנען זיי אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן ניט אויף הוצאות און אויף אויסקליידן זייער קינד, איידער זיי שיקן אים אַוועק אין דער פֿרעמד.

משה האָט פֿאַר זיך געזען אַ לעבן אָן אַ ברעקל ליכט. פֿון אַלע זײַנע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. אַלע זײַנע האָפֿענונגען זײַנען אַוועק מיטן רויך. אָבער משה וויל לערנען! און וועט לערנען!

דער טאָג איז געקומען ווען דער רבי רב דוד-הירש איז

אוועקגעפֿאָרן. אַלע ייִדן פֿון דעסוי זײַנען געקומען אין בית-המדרש אַרײַן זיך געזעגענען מיט זייער גרויסן רבֿ און אים ווינטשן גליק אין דער נײַער שטאָט, אין בערלין.

אין דעם טומל און געדראַנג פֿון געזעגענען זיך האָט קיינער גאָרניט באַמערקט, אַז דער וואָס האָט אפֿשר מער פֿון אַלעמען ליב געהאַט דעם רבֿ איז נישטאָ. קיינער, אַפֿילו דער רב אַליין האָט זיך אויך ניט געכאַפּט.

אַ פּאָר מײַל אויסער דער שטאָט, בײַ אַ בערגל אויפֿן וועג קיין בערלין, האָט זיך אין מיטן וועג באַוויזן אַ קליין אײַנגעהויקערט ייִנגל. די פֿור האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער רבי האָט דערקענט זײַן תּלמיד.

מיט טרערן האָט זיך דער ייִנגל אײַנגעקלאַמערט אין דעם רבין זײַנעם און זיך געבעטן ער זאָל אים ניט איבערלאָזן אַליין ווי אַ פֿאַרלאָרן שעפֿעלע. ער וועט טון אַלץ אין דער וועלט, אַבי צו זײַן לעבן דעם רבין. זאָל ער אים מיטנעמען קיין בערלין!

רב דוד-הירש האָט מיט ליבשאַפֿט געטוליעט צו זיך דעם תּלמיד זײַנעם און אים צוגעזאָגט: גאָר אין גיכן וועט ער אים נעמען צו זיך. אַ געטרייסטער, מיט אַ גרינג האַרץ איז משה צוריק געלאָפֿן אין שטאָט אַרײַן און דער רבי איז געפֿאָרן אויף זײַן וועג קיין בערלין.

משה האָט ניט געוואַרט ביז דער רבי וועט נאָך אים שיקן. ער האָט לאַנג אײַנגעטענהט מיט זײַנע עלטערן און זיך אויסגעבעטן, אַז זיי זאָלן אים לאָזן קיין בערלין אויף איין יאָר. די מאַמע האָט פֿאַרגאָסן טרערן. דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרזאָרגטער. גוטע פֿרײַנד האָבן זיך געבייזערט. ווי שפּאַרט זיך עס אַ ייִנגל אײַן און וויל נאָר אויספֿירן אַזאַ אוממיגלעכע זאַך? וואָס וועט ער עסן דאָרט? וווּ וועט ער שלאָפֿן? אָבער —

משה האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפֿן זעלבן וועג וואָס האָט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אַוועקגעפֿירט זײַן רבין קיין בער-

לין. טאטע־מאמע האבן אים מיטגעגעבן א פעקעלע עסן און א פאק ברכות. א שכנס א מיידעלע האט אים אריינגעשטופט אין דער האנט ארײַן א טאלער ביים זאגן אים א זײַ־געזונט. מיט דעם פארמעגן האט זיך משה ארויסגעלאזט אין דער גרוי־סער וועלט ארײַן.

פון דעסוי ביז בערלין איז אכציק מײַל. און משה האט זיך געשלעפט צו פוס איבער די שטויביקע וועגן. א מאל האט אים א גוטהארציקער פויער ארויפגענומען אויף זײַן פור און אוועק־געפירט א פאר מײַל. בײַ נאכט האט ער גענעכטיקט אין פעלד, אדער זיך אײַנגעבעטן בײַ פרעמדע לײַט א נאכטלעגער. בײַ טאג האט ער זיך ווידער געלאזט אין וועג. אזוי איין טאג, צוויי טעג, דרײַ און פיר טעג. אויפן פינפטן טאג האט ער שוין דערזען פאר זיך די שפיצן פון די הײַזער פון בערלין.

מיט א ציטער אין הארץ האט זיך משה געלאזט גיין צו דעם ראזענטאלער טויער. דאס איז געווען דער איינציקער טויער, דורך וועלכן א פרעמדער יִיד האט געקענט ארײַנקומען קײַן בערלין. דארט איז געשטאנען א יִדישער היטער און פארשריבן דעם נאמען פון יעדן נײַעם יִדן און אײַנגעמאנט בײַ אים שטײַער. א דערשראקענער איז משה געשטאנען פאר דעם שומר בײַם טויער און געענטפערט אויף זײַנע פראגעס.

— ווער ביסטו?

— משה דער זון פון מענדל סופר פון דעסוי.

— וואס ווילסטו טון אין בערלין?

— לערנען.

— האסט געלט?

משה האט גענומען טאפן אין דער קעשענע און ארויס־געשלעפט פון דארט דעם טאלער, וואס דעם שכנס מיידעלע האט אים געגעבן.

דער שומר האט באטראכט דאס נפשל, וואס שטייט דא פאר אים. א קליינס, א דארס, אן אײַנגעהויקערטס, און קוים

וואָס מע פֿאַרשטייט וואָס עס רעדט. אַ רחמנות האָט אַרומ־גענומען דעם שומר ווען ער האָט דערזען די גרויסע, פֿאַרטרער־טע אויגן, וואָס האָבן צו אים אַרויפֿגעקוקט מיט געבעט. אָבער ווי קאָן ער אַריינלאָזן דאָס יינגל אין שטאָט אַרײַן? ער וועט דאָך זיכער פֿאַלן צו לאַסט אויף דער יידישער קהילה. און וועמען וועט מען באַשולדיקן אויב ניט אים, דעם שומר? ער קאָן נאָך פֿאַרלירן זײַן שטעל.

דער שומר האָט זיך אײַנגעבויגן און אים אַ פֿרעג געטון: — וועמען קאָנסטו אין בערלין?

— רב דוד־הירש פֿרענקל, האָט משה אַרויסגעשטאַמלט.

ווי אַ כּישוף־וואָרט האָט דער נאָמען געווירקט. דער שומר האָט ברייט געעפֿנט דעם ראָזענטאַלער טויער און געוויזן דעם יינגל דעם וועג ווי אַזוי צו קומען צו דעם הויז פֿון דעם רבין.

דער גרויסער פרידריך און דער קליינער משה

משה איז געקומען קײַן בערלין אויפֿן דריטן יאָר פֿון דעם קיניגין פֿון פֿרידריך דעם גרויסן, דער מלך פֿון פּרײַסן.

אין די געשיכטע־ביכער פֿון די פֿעלקער איז פֿרידריך באַ־רימט מיט זײַנע גבורות אין מלחמות און מיט זיין גרויסער חכמה. ער האָט אײַנגענומען לענדער און גרעסער געמאַכט זײַן מלוכה. ער האָט אויסגעטריקנט זומפּן, אויסגעגראָבן קאַנאַלן און אויסגעלייגט וועגן. ער האָט זיך געזאָרגט פֿאַר דעם פּויער און האָט דערמוטיקט די אינדוסטריע פֿון לאַנד. ער איז אַפֿילו געווען אַ גרויסער אָנהענגער פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט. אין זײַן פּאַלאַץ האָבן זיך אַרומגעדרייט באַרימטע פֿראַנצייזישע

שרײַבערס און געלערנטע, און דער גרויסער מוזיקער יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך האָט געשפּילט פֿאַר אים. פֿרידריך אַליין האָט געשריבן לידער און פֿאַרפֿאַסט מוזיק און זיך געהאַלטן פֿאַר אַ פֿילאָזאָף.

די ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין זיין מלוכה האָט פֿרידריך אָבער ווייניק גוטסקײַט אַרויסגעוויזן. פּונקט ווי זײַן פֿאָטער פֿאַר אים און פּונקט ווי די קיניגן און פֿירשטן פֿון אַנדערע דײַטשישע מלוכות אַרום אים, האָט ער פֿאַרביטערט דאָס לעבן פֿון די ייִדן.

אין גאַנצן האָבן אין בערלין געמעגט וווינען הונדערט און פֿופֿציק ייִדישע פֿאַמיליעס. בלויז פֿערציק פֿון זיי האָבן געמעגט האָבן אייגענע הײַזער.

ייִדן האָבן ניט געטאָרט האַנדלען מיט קיין בהמות, פּוטער, קעז, זאַלץ, אייער, זייף, ליכט, פֿיש, וואָל און מיט קיין שום רויע שטאָפֿן.

דער גרויסער פֿרידריך האָט זייער שטאַרק געוואָלט אויפֿבויען די אינדוסטריע פֿון לאַנד. ער האָט געגעבן די רײַכע ייִדן פּריווילעגיעס צו בויען פֿאַבריקן, און ער האָט זיי געצוווּנגען צו פֿאַרקויפֿן די סחורות פֿון פּרײַסן אין אַנדערע לענדער. אַלץ צו באַרײַכערן דעם קיניגס קאַסע!

און אָט איז אין דעם לאַנד פֿון דעם גרויסן פֿרידריך צוגעקומען נאָך אַ ייִד, דער קליינינקער דרײַצניאָריקער משה פֿון דעסוי. אָבער וואָס האָט ער געבראַכט צו באַרײַכערן דעם קיניגס קאַסע? דעם קראַנקן גוף? דעם קאָפּ, אָנגעשטאָפּט מיט תּורה? דעם חשק צו לערנען? וואָס האָט דער קיניג געקענט האָבן פֿון דעם? סײַדן פֿון דעם טאָלער אין זײַן קעשענע...

עס איז גרינג זיך אויסצומאָלן די שׂמחה וואָס איז געווען ווען דער רבי און דער תּלמיד האָבן זיך ווידער באַגעגנט. דער געטרײַער רבי האָט אים באַזאָרגט מיט אַ צימער בײַ אַ ייִדן.

רב חיים בראָמבערג. דאָרט ביי רב חיימען אין הויז האָט ער געגעסן צוויי טעג אין דער וואָך. דער רבי אַליין האָט אים פאַר־בעטן צו זיצן ביי זיין טיש שבתים און יום־טובים.

און וואָס וועט זיין די אַנדערע טעג פון דער וואָך? מע וועט שוין ווי עס איז אויסקומען. דערווייל דאַרף מען לערנען. צוליב דעם איז דאָך משה געקומען קיין בערלין. עסן און טרינקען איז ניט דער עיקר. און דערצו וועט ער ניט שטאַרבן פון הונ־גער. דער רבי האָט אים אויך פאַרזאָרגט מיט אַרבעט. רב דוד־הירש שרייבט אַ ספר, און ער דאַרף דעם מאַנוסקריפּט צו־גרייטן צום דרוק. דער דרוקער פאָדערט אַז די שריפט זאָל זיין קלאָר און ריין, און משה שרייבט איבער דעם מאַנוסקריפּט מיט זיין שיינער האַנטשריפט, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין טאַטן דעם סופר. דער רבי צאָלט אים דערפאַר.

און משה שרייבט אַהיים בריוו צו זיינע עלטערן אין דעסוי. ער דערציילט זיי פון זיין גליק. ער זיצט און לערנט ביים רבין. ער איז ניט עלנט. גוטע מענטשן העלפן אים. ער האָט אַ היים, און ער פאַרדינט צו ביסלעך אויך. קיין זאַך פעלט אים ניט.

ער האָט זיי ניט געוואָלט אָנטון קיין צרות און ער האָט זיי ניט דערציילט ווי אָפט ער זיצט אַ הונגעריקער אין זיין צימערל. זיינע קליינע פאַרדינסטן טראָגן אים ניט צו עסן צו זאַט אין די טעג, ווען ער עסט ניט ביי זיין רבין און ניט ביי רב חיים בראָמבערג. ער קויפט זיך אַ ברויט און מאַכט אויף אים סמנים מיט אַ מעסער וויפל ער קאָן זיך פאַרגינען צו עסן צו יעדן מאָלצייט. ווען ער עסט אויף דעם חלק ברויט בלייבט ער שטיין אַפילו ווען ער איז נאָך הונגעריק. אויב ער זאָל זיך צו פיל נאָכגעבן, וועט ער נאָך אַריינעסן אין דעם חלק פון מאָרגן.

אַן אוניווערסיטעט אין אַ בוידעמשטיבל

איר, קינדער, קומט יעדן טאָג אין שול אַריַין. דאָרט וואַרט שוין אויף אײַך דער לערער. דאָרט געפֿינט איר אַלע ביכער וואָס איר דאַרפֿט. אומעטום געפֿינט איר לערערס, ביכער, און אַ פּראָגראַם וואָס צו לערנען, אויסגעאַרבעט און צוגעגרייט.

אַנדערש, גאָר אַנדערש איז געווען דער וועג, וועלכן משה האָט געדאַרפֿט דורכגיין. ער האָט זיך אַליין געדאַרפֿט אָפּזוכן זײַנע לערערס און אַליין קריגן ביכער... און געלערנט האָט ער וואָס עס איז אים געקומען צו די הענט. אָן אַ סדר, אָן אַ פּראָגראַם, האָט ער פֿון זיך אַליין זיך אויסגעלערנט דאָס, וואָס נים-יִידישע יִנגלעך אין זײַנע צײַטן האָבן געלערנט אין די שולן און אין די אוניווערסיטעטן.

בײַ זײַן רבין רב דוד-הירש פֿרענקל האָט משה געלערנט תּנך, תּלמוד און די שריפֿטן פֿון די יִידישע רבנים און געלערנטע פֿון אַלע צײַטן. אָבער משה האָט געוווּסט, אַז עס זײַנען דאָ טויזנטער ביכער, וואָס מען האָט געשריבן אויף דײַטש, אויף לאַטײַן, אויף גריכיש, אויף פֿראַנצייזיש. וואָס שטייט געשריבן אין אָט יענע ביכער? וואָס לערנען זיי אַזוינס? פֿאַר אים זײַנען די אַלע ביכער אַ פֿאַרשלאָסענע וועלט. ער קאָן בלויז העברעיִש און יִידיש.

ווי אַזוי געפֿינט מען אַ שליסל צו אָט דער פֿאַרשלאָסענער וועלט פֿון וויסן און פֿון לערנען? פֿאַר וואָס זאָל ער, און אַנדערע בחורים ווי ער, נים לערנען די שפּראַך פֿון דעם לאַנד און די שפּראַכן פֿון אַנדערע פֿעלקער?

משה האָט אין יענער צײַט געטראַכט זייער אַ סך וועגן ייִד און קריסט, וועגן דער יִידישער וועלט און דער גרויסער וועלט אַרום. יִידן אין בערלין, און אין פֿראַנקפֿורט, און אין האַמבורג, און איבער אַלע דײַטשישע מלוכות לעבן אין אַ צווייטיקער

געטאָ. איין געטאָ האָט פֿאַר זיי געמאַכט די קריסטלעכע וועלט. די צווייטע געטאָ האָבן ייִדן אַליין געמאַכט פֿאַר זיך. זיי טיילן זיך אַליין אָפּ און פֿאַרשליסן זיך אין זייער אייגן וועלטל. אַ ייִדיש קינד טאָר ניט לערנען קיין זאַך, וואָס איז נישט געשריבן אין די הייליקע ספֿרים. די רבנים און די פֿרומע ייִדן האָבן מורא געהאַט, אַז די קינדער וועלן אַוועק אין פֿרעמדע וועלטן, אויב זיי וועלן לערנען די שפּראַך פֿון די קריסטן און לייענען די ביכער פֿון די קריסטן.

משה האָט געפֿילט אַז עפּעס מוז מען טאָן אָפּצוראַמען ביידע געטאָס. די ווענט, וואָס גרענעצט אָפּ די ייִדן און די קריסטן, מוז צעבראָכן ווערן. ייִד און קריסט מוזן זיך דערנענטערן. און זיי קענען זיך דערנענטערן נאָר ווען זיי וועלן זיך באַקענען איינער מיטן אַנדערן. דער קריסט וועט יעמאָלט איינזען אַז דער ייִד איז ניט אַזאַ שלעכטער מענטש ווי מע רעדט אים איין. דער ייִד וועט זיך דערוויסן אַז די דרויסנדיקע וועלט איז ניט אָנגעפֿילט מיט מענטשן, וואָס האָבן אים פֿיינט און ווילן אים שלעכטס טאָן.

אָבער ווי אַזוי קענען זיך מענטשן דערקענען, אויב זיי פֿאַרשטייען זיך ניט? ווי אַזוי קאָן דער ייִד און דער קריסט זיך צוזאַמענטרעפֿן ווי מענטש מיט מענטש, אויב דער וועג איז פֿאַרשטעלט מיט דערנער און מיט שטיינער?

משה האָט אָנגעהויבן פֿון זיך אַליין.

אַ גאַנצן טאָג, פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט משה געלערנט ביי זיין רבין, און איבערגעשריבן זיינע מאַנוסקריפּטן. ביי נאַכט, ווען אַלע אין הויז פֿון רב חיים בראָמבערג זיינען שוין געשלאָפֿן, האָט משה געלערנט ביי דער שיין פֿון אַ ליכטל, אין זיין בוידעמשטיבל, די דייטשישע שפּראַך. אַליין, אָן אַ לערער, האָט ער זיך געמאַטערט פֿון וואָרט צו וואָרט, פֿון שורה צו שורה. פֿון זיינע קליינע פֿאַרדינסטן האָט ער אָפּגעשפּאָרט געלט און האָט זיך איינגעקויפֿט ביכער אויף

דײַטש. און די ביכער זײַנען געװען פּלערלײ, װאָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט צו קויפֿן פֿאַר די עטלעכע גראָשנס, װאָס ער האָט געקענט אָפּרײַסן.

משה האָט זיך דערװוּסט אַז אין בערלין זײַנען דאָ נאָך אַזױנע בחורים װי ער, װאָס לערנען זיך דײַטש אַז קײנער זאָל ניט װיסן. זײ זײַנען אַלע געקומען פֿון די קלענערע שטעט אין פּרײַסן, און אַ סך זײַנען געקומען פֿון פּױלן און פֿון גאַליציע. אַלע זײַנען זײ געװען אָרעם און געליטן הונגער. אָבער בײַ אַלע־מען איז געװען שטאַרק דער װילן צו לערנען. האָט משה זיך אָנגעהױבן צו חבֿרן מיט די בחורים. די, װאָס האָבן געקענט אַ ביסל מער, האָבן געלערנט די, װאָס האָבן װײניקער געקענט. זײ האָבן זיך געביטן מיט ביכער.

אין יענע צײַטן האָט מען אַלע װיסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָ־זאָפֿישע ביכער געשריבן אױף לאַטײַן. האָט משה אױך זיך גענומען זיך אױסצולערנען די לאַטײַנישע שפּראַך. ער האָט זיך אײַנגעקױפֿט אַ געניצטע לאַטײַנישע גראַמאַטיק און אַ װערטער־בוך, און ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ לערער. ער האָט אָפּגעשפּאָרט נאָך אַ ביסל צײַט פֿון זײַן שלאָף און האָט זיך גענומען מיט זײַן געװײנלעכן ברען לערנען לאַטײַן. דער לערער זײַנער, אַ ייִדי־שער דאָקטער, אַבֿרהם קיש פֿון פּראַג, האָט מיט אים געלערנט אַ פֿערטל שעה אַ טאָג אין משך פֿון אַ האַלב יאָר. דער דאָק־טער איז דערשטױנט געװאָרן, װען ער האָט געזען װי פֿון טאָג צו טאָג װאַקסן די קענטענישן פֿון זײַן תּלמיד. װײַל צען מאָל מער װי דער לערער האָט מיט אים געלערנט, האָט משה אַלײן געלערנט בײַ נאַכט, אין זײַן בודעמשטיבל. דאָקטער אַבֿרהם קיש האָט אײַנגעזען אַז זײַן תּלמיד דאַרף אים שױן מערניט האָבן פֿאַר קײן לערער. דער ייִנגל פֿון דעסױ האָט שױן געקענט לײענען פֿילאָזאָפֿישע ביכער אױף לאַטײַן.

אין יענער צײַט האָט זיך משה באַקענט מיט אַ נײַעם לערער און זיך אָנגעהױבן לערנען אַ נײַעם לימוד. דער לערער

איז געווען אַ ייִד פֿון פּוילן רב ישׂראל זאַמאָשץ און דער לימוד איז געווען מאַטעמאַטיק. ישׂראל זאַמאָשץ איז אַנטלאָפֿן פֿון פּוילן צוליב זײַנע פֿרײַע געדאַנקען, און צוליב דעם וואָס ער האָט געלערנט מיט זײַנע תּלמידים פֿילאָזאָפֿיע, נאַטור־וויסנ־שאַפֿט און מאַטעמאַטיק. די רבנים און די פֿרומע ייִדן פֿון פּוילן האָבן דאָס געהאַלטן פֿאַר זייער געפֿערלעך. ער קאָן נאָך פֿאַרפֿירן די יוגנט. און ישׂראל זאַמאָשץ האָט געמוזט אַנטלויפֿן קײַן בערלין. דאָ האָט אים אַ ייִדישער גבֿיר אַרײַנגענומען צו זיך לערנען מיט זײַנע קינדער. דערפֿאַר האָט ער געקראָגן אַ דירה, עסן און טרינקען, און אַ מיגלעכקײַט צו שרײַבן זײַנע ווערק. צוליב זײַנע ווערק וואָס ער האָט צוגעגרייט צום דרוקן האָט ער זיך טאַקע צוזאַמענגעטראָפֿן מיט אונדזער משהן. די שיינע האַנטשריפֿט איז משהן ווידער צו נוץ געקומען. ער האָט איבערגעשריבן די מאַנוסקריפּטן פֿאַר רב ישׂראל זאַמאָשץ און אין איין וועגס בײַ אים געלערנט מאַטעמאַטיק. אָבער ער איז געווען ניט נאָר אַ תּלמיד, נאָר אויך אַ לערער. נאָך דער לעקציע אין מאַטעמאַטיק, האָבן זיך דער לערער מיטן תּלמיד געביטן מיט די ראָלן. רב ישׂראל זאַמאָשץ איז געוואָרן דער תּלמיד און משה האָט מיט אים געלערנט דײַטש. זיי זײַנען געוואָרן חבֿרים. לאַנגע שעהן פֿלעגן זיי פֿאַרברענגען צוזאַמען אין דעם גאָרטן בײַם הויז פֿון דעם בערלינער גבֿיר. דאָ צווישן די ביימער האָט רב ישׂראל געשפּאַצירט מיט זײַן יונגן חבֿר און אים דער־ציילט זיינע פּלענער ווי אַזוי אַרײַנצוברענגען ליכט און בילדונג צווישן די ייִדן. משה האָט געהערט פֿון זײַן עלטערן חבֿר אַזוינע געדאַנקען, וואָס האָבן אים אויך ניט געלאָזט רוען. ברענגען ליכט און אויפֿקלערונג צו די, וואָס לעבן אין דער פֿינצטער און אין אומוויסנהייט — דאָס וועט זײַן דער ציל פֿון זײַן לעבן! אָבער איידער ער קאָן ברענגען ליכט און אויפֿ־קלערונג צו אַנדערע מוז ער נאָך אַליין לערנען, לערנען.

רב ישׂראל זאַמאָשץ האָט זײַן יונגן חבֿר און תּלמיד צונויפֿ־געפֿירט מיט אַ יונגנמאַן וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע

אין דעם לעבן פֿון אונדזער משה. דער יונגערמאַן איז געווען דאָקטער אַהרן עמעריך גומפּערץ, אַ זון פֿון אַ רײַכער ייִדישער משפּחה וואָס האָט דורות לאַנג געלעבט אין דײַטשלאַנד. דאָקטער גומפּערץ איז געווען דער ערשטער ייִד וואָס האָט געקראָגן אַ דאָקטער-טיטול פֿון אַ דײַטשישן אוניווערסיטעט. צוליב זײַן רײַכקייט האָט ער ניט געדאַרפֿט זאָרגן וועגן פּרנסה, און ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט מעדיצין. זײַן צײַט האָט ער פֿאַרבראַכט אין לערנען אַליין און אין לערנען אַנדערע. ער איז געווען באַקאַנט מיט די דײַטשישע געלערנטע און דײַטשישע שרײַבערס פֿון בערלין, און האָט אַליין אויך געשריבן ביכער.

אָט דער דאָקטער גומפּערץ האָט זיך אײַנגעליבט אין דעם אָרעמען ייִנגל פֿון דעסוי. ער האָט מיט אים געלערנט פֿראַנצייזיש און ענגליש און מיט אים געלייענט ווערק פֿון דער פֿראַנצייזישער און ענגלישער ליטעראַטור. ער האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין די קרײַזן פֿון די דײַטשישע סטודענטן און געלערנטע. ער האָט פֿאַר דעם סופֿרים ייִנגל פֿון דעסוי געעפֿנט די טירן פֿון די בעסטע און שענסטע קינדער פֿון בערלין.

משה האָט פֿאַרענדיקט זײַן אייגענעם אוניווערסיטעט און איז שוין גרייט געווען צו פֿאַרנעמען זײַן אָרט צווישן די דענקערס און שרײַבערס פֿון זײַן צײַט. אים האָט נאָך געפֿעלט דער גלויבן אין זײַנע אייגענע כּוחות. ער האָט געדאַרפֿט אַז עמעצער זאָל קומען און אים זאָגן:

— גענוג דיר צו לערנען בײַ אַנדערע. דו ביסט שוין דערוואַקסן צו לערנען די וועלט. וואַרף אַוועק די שעמעוודיקייט און דאָס האַלטן זיך קליין. דו ביסט אַ געלערנטער מענטש. דו האָסט וואָס צו זאָגן דער וועלט. און דו קענסט עפּעס דער וועלט זאָגן אַזוינס וואָס זי האָט פֿריִער ניט געהערט.

אין בערלין איז געווען אַ קאַפֿע-הויז וווּ עס פֿלעגן זיך טרעפֿן די שרײַבערס און געלערנטע. דאָרט האָט מען געזופּט טעפּלעך קאַווע, געשמועסט פֿון ליטעראַטור און פֿון פֿילאָזאָפֿיע, און מען האָט געשפּילט שאָך.

אַהין אין יענעם קאַפֿע־הויז האָט דאָקטער גומפּערץ איין מאָל מיטגענומען זײַן שעמעוודיקן חבֿר משה, דעם זון פֿון מענדל סופֿר פֿון דעסוי. ער האָט אים צוגעפֿירט צו אַ טישל, ווו מען האָט געשפּילט שאָך און ער האָט געזאָגט צו די שפּילערס:

— אָט האָב איך געבראַכט אַ נײַעם שאַכשפּילער.

בײַ דעם טישל איז געזעסן אַ שיינער יונגערמאַן, אין די זעלבע יאָרן וואָס משה, נאָר מיט אַ קאָפּ העכער פֿון אים. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דעם צעשראָקענעם בחור, און זיך פֿאָרגעשטעלט:

— מײַן נאָמען איז לעסינג.

זייערע הענט האָבן זיך געדריקט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. דער בליק פֿון דעם פֿרעמדן יונגנמאַן האָט משהן גע־וואַרעמט, געשטאַרקט און דערמונטערט. זיי זײַנען אַזוי גע־שטאַנען אַ רגע מיט געשלאָסענע הענט, דער ייִד משה און דער דײַטש לעסינג. דאָס איז געווען אַ רגע וואָס האָט געשלאָסן אַ פֿרײַנדשאַפֿט אויפֿן גאַנצן לעבן.

ייד און דייטש

לאָמיר געדענקען: אין יענער צײַט האָט אַ ייִד ניט געטאָרט וווינען אין שכנות מיט אַ דײַטש. זיי האָבן קיין מאָל ניט געהאַט די מיגלעכקייט צו ווערן פֿרײַנד, צו ווערן חבֿרים.

אין יענער צײַט איז עס געווען אַ גרויסע נײַס וואָס גאָטהאָלד אפֿרים לעסינג, דער זון פֿון אַ דײַטשישן גלח, זאָל זיך חבֿרן מיט משה מענדלס, דעם זון פֿון אַ ייִדישן סופֿר און מלמד פֿון געטאָ.

זיי זײַנען ביידע געבאָרן געוואָרן אין איין און דעם זעלבן יאָר. גאָטהאָלד אפֿרים — אין דעם הויז פֿון פֿרומע פּראָטעס־טאַנטישע עלטערן, משה — אין דעם הויז פֿון פֿרומע ייִדישע עלטערן. צו פֿינף יאָר, ווען מענדל סופֿר האָט געטראָגן זײַן

קינד אין בית־המדרש אריין לערנען תורה, האט דער גלח לעסינג געלערנט מיט זיין זון גאטהאלד אפרים דעם אלטן און דעם נייעם טעסטאמענט.

לעסינג איז אוועקגעפארן אין לייפציג צו לערנען אויף גלח, און איז גאר געווארן א שרייבער פון דראמעס. משה איז אוועק קיין בערלין צו ווערן א רב און האט זיך אוועקגעלאזט אויף גאר אנדערע וועגן.

ווען דער גורל האט די צוויי צונויפגעפירט, איז לעסינג געווען א שיינער לוסטיקער דייטש, וואס פארברענגט זיינע טעג צווישן פאעטן, ארטיסטן און פריילעכע זארגלאזע יונגעלייט. משה איז געווען א בלייכער איינגעהויקערטער ייִד, וואס זיצט טאג ווי נאכט איבער ביכער אין זיין בוידעמשטיבל.

אבער עפּס איז געווען איןביידן, וואס האט זיי צוגעצויגן איינער צום אנדערן און זיי באהעפטט איינער מיטן אנדערן.

ביידע האבן געזוכט גערעכטיקייט און ליב געהאט דעם אמת. ביידע האבן געפאדערט גלייכע רעכט פאר יעדן מענטשן. און ביידע האבן געוואלט פארטרייבן פון דער ערד די פינצטער־ניש און אפּווישן אל דאס שלעכטס.

און די צוויי יונגעלייט האבן זיך געשטעלט זייער ציל אין לעבן צו צעשטערן די וואנט וואס טיילט אפּ מענטשן פון מענטשן זיי וועלן ביידע שרייבן און ריידן און ארבעטן מיט לייב און לעבן ביז זיי וועלן זייער ציל דערגרייכן. זיי וועלן באַוויַיזן דורך זייער אייגן לעבן אז ייִד און דייטש קענען גיין אויף די זעלבע וועגן, ארבעטן אין איינעם, און ליב האבן איינער דעם אנדערן.

לעסינג האט אנגעשריבן א טעאטער־שפּיל מיטן נאמען „די ייִדן". און דארט קומט פאר אט וואס:

א ייִדישער יונגערמאן פארט אויף א רייזע איבער דייטש־לאנד. ער איז שיין און געלערנט און איידל. ער זעט אויס ווי א דייטש און קיינער וואלט ניט געזאגט, אז ער איז א זון פון

דער פֿאַרהאַסטער ראַסע. אַפֿילו דער קריסטלעכער דינער וואָס פֿאַרט מיט אים ווייס ניט, אַז זײַן באַלעבאָס איז אַ ייִד. אויפֿן וועג האָט דער ייִד געראַטעוועט פֿון רויבערס אַ דײַטשישן אַדל-מאַן מיט זײַן טאָכטער. דער ייִד האָט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן און דער אַדלמאַן האָט אים געוואָלט באַלוינען פֿאַר זײַן העל-דישקייט. דער יונגערמאַן האָט דערפֿון ניט געוואָלט הערן און האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון יעדער באַלוינונג. ער האָט דאָס געטאָן ניט צוליב אַ לוין, נאָר דערפֿאַר וואָס יעדער מענטש דאַרף העלפֿן אַ צווייטן מענטשן ווען יענער איז אין אַ געפֿאַר. דער אַדלמאַן פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט דעם פֿרעמדן וועגן ביכער, וועגן מוזיק, און יענער רעדט מיט גרויס פֿאַרשטאַנד. דער פֿרעמדער איז אים אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז ער האָט אים פֿאַרגעלייגט זײַן טאָכטער פֿאַר אַ כּלה. דער יונגערמאַן האָט אים געזאָגט, אַז ער האַלט דאָס פֿאַר אַ גרויס גליק, אָבער ער האָט מורא, אַז פֿון דעם שידוך וועט גאָרניט ווערן ווײַל... ער איז אַ ייִד.

ווי אַ דונער וואָלט פּלוצעם געטראָפֿן!

— וואָס? אָט דער איידעלער, גוט דערצויגענער יונגער-מאַן איז אַ קינד פֿון דער פֿאַרמיִאוסטער ראַסע? דאָס קאָן ניט זײַן! אַ ייִד זאָל האַנדלען אַזוי איידל און העלדיש? אַ ייִד זאָל ריידן מיט אַזוי פֿיל פֿאַרשטאַנד און געשמאַק?

דער דינער, וועמען דער ייִד האָט אַרויסגענומען פֿון שיכּרות און פֿון שמוץ, האָט אים געגעבן עסן און טרינקען און קליידער און אַ שטעל, האָט זיך אַזש געצלמט פֿאַר שרעק און געשפּיגן:

— ער, אַ דײַטש און קריסט, זאָל גאָר באַדינען אַ פֿאַרשאָל-טענעם ייִד? גאָט זאָל אים ניט שטראָפֿן פֿאַר די זינד!

נאָר דער אַדלמאַן און זײַן טאָכטער האָבן זיך באַלד באַרויִקט פֿון זייער איבערראַשונג. די טאָכטער האָט געזאָגט:

— נו, און אַז אַ ייִד איז וואָס?

און דער פֿאָטער האָט אויסגערופֿן:

— ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַלע ייִדן זײַנען ווי דו!

דערויף האָט דער ייִד געענטפערט:

— ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַלע קריסטן זיינען ווי דו!

דער דינער אָבער זאָגט אַרויס וואָס בײַ אַלעמען איז אין די געדאַנקען:

— עס ווײַזט אויס, אַז עס זיינען דאָ יידן וואָס זיינען ניט קיין „ייִדן".

און ניט נאָר דער דינער האָט דאָס ניט געקענט אַרײַנ־נעמען אין זײַן אומוויסנדיקן קאָפּ, נאָר אַפילו אַ פּראָפעסאָר פון אַ דײַטשישן אוניווערסיטעט האָט אַזוי געשריבן נאָך דעם ווי ער האָט געזען די שפּיל אין טעאַטער:

— אַזאַ ייִד ווי דער וואָס לעסינג ווײַזט אונדז אין זײַן שפּיל איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. בײַ יידן איז שווער צו געפינען אַן אָנשטענדיקן, ערלעכן מענטשן, ווײַל יידן לעבן דאָך בלויז פון שווינדל און פאַלשקייט.

אָבער לעסינג האָט געוואָלט באַווײַזן, אַז יידן זיינען ניט ערגער פון קריסטן. זאָל מען זיי נאָר לאָזן לעבן ווי מענטשן און אויפהערן פײַנט צו האָבן, וועט מען זען, אַז אַלץ וואָס מע זאָגט אויף זיי איז ליגן און בילבול.

די שפּיל האָט לעסינג געשריבן נאָך איידער ער האָט זיך באַקענט מיט משה פון דעסוי. שפּעטער האָט ער שוין געקענט מיט זיכערקייט אָפּענטפערן דעם פּראָפעסאָר:

— ניט נאָר איז אַזאַ ייִד מיגלעך, נאָר ער איז דאָ. קום קיין בערלין און באַקען זיך מיט אים, וועסטו זען ווי שיין און דער־הויבן אַ ייִד קען זײַן. זײַן נאָמען איז מאָזעס מענדלסאָן.

משה האָט מיט וויטאָג געשריבן צו זײַנעם אַ פרײַנד נאָך דעם ווי ער האָט געלייענט, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געשריבן וועגן דעם ייִדן אין לעסינגס שפּיל:

„ווי קאָן אַ מענטש וואָס האָט נאָר אַ פונק פון ערלעכקייט

אין זיך אזוי שרײַבן וועגן א גאַנץ פֿאָלק? ניט גענוג וואָס מיר דאַרפֿן אויסשטיין אַזוי פֿיל צרות פֿון זייערע גזועצן קעגן אונדז, דאַרפֿן זיי נאָך אויף אונדז מאַכן אַלערליי בילבולים? זיי קענען אונדז באַרויבן פֿון יעדער מיגלעכקייט צו לעבן פֿרײַ און פֿריד־לעך. זיי קענען אונדז מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט. זיי קענען אָבער בײַ אונדז ניט צונעמען די איינציקע טרייסט אין אונדזער לעבן. מיר זײַנען א פֿאָלק, פֿון וועלכן די נבֿיאים זײַנען אַרויסקומען, און זיי האָבן געגעבן דער וועלט די העכסטע לערע פֿון ערלעכקייט און גערעכטיקייט".

ניין, דאָס קענען די יידישע שונאים ניט צונעמען, און דאָס וועלן מענדלסאָן און לעסינג ניט מיד ווערן צו דערמאָנען. בײַ די דײַטשן וועלן זיי עפֿענען די אויגן. בײַ די יידן וועלן זיי דערהויבן דעם מוט און זיי רופֿן פֿון זייערע ענגע געטאָס צו דער ברייטער וועלט. און די ברייטע וועלט וועט זײַן אַזאַ, אין וועלכער מענטשן וועלן לעבן ווי מענטשן און ניט ווי חיות. יעדערער וועט זיך קענען גיין זײַן וועג און לעבן ווי עס איז גוט אין זײַנע אויגן. וועמען גייט עס אָן אין וואָס איינער גלייבט און ווי איינער דינט גאָט?

מיט יאָרן שפּעטער האָט לעסינג אָנגעשריבן א שפּיל וואָס איז באַרימט געוואָרן. זי הייסט „נתן דער חכם". איר קענט לייענען די שפּיל אין דײַטש און אין ענגליש, אין יידיש און אין העברעיש, און ווער וויים אין וויפֿל אַנדערע שפּראַכן. איר קענט געפֿינען די מעשׂה איבערדערציילט אין קינדערביכער. און ווען איר לייענט, אָדער הערט די מעשׂה, געדענקט, אַז לעסינג האָט אין זינען געהאַט זײַן חבֿר משה מענדלסאָן, ווען ער האָט גע־מאָלן דאָס קלוגע, ערלעכע, שיינע געשטאַלט פֿון דעם ייד נתן, דעם הויפּטהעלד פֿון דער דראַמע.

פאַר משהן שיינט אויף דאָס מזל

דאָס יאָר 1750 איז אַ מזלדיק יאָר פאַר משהן. אין דעם יאָר באַגעגנט ער זיך מיט לעסינגען.

אין דעם יאָר ציט ער זיך אַרוים פון דעם בוידעם־שטיבל. ער ווערט אַ מלמד ביי די קינדער פון אַ בערלינער גביר רב יצחק בערנהאַרדט.

אָבער ניט לאַנג בלייבט משה אַ מלמד. דער גביר יצחק בערנהאַרדט האָט אַ פאַבריק פון זיידנס און פירט געשעפטן מיט נאָענטע און ווייטע שטעט. דער פאַבריקאַנט זעט זיך אַרום אַז דער מלמד פון זיינע קינדער קאָן אים גוט צו נוץ קומען אין זיינע געשעפטן.

די דייטשישע שפראַך קען ער אויסגעצייכנט. אַנדערע שפראַכן קען ער אויך. אַ מאַטעמאַטיקער איז ער אַ גוטער, און אַ האַנטשריפט האָט ער אַ פערלדיקע. פאַר וואָס זאָל אַזאַ יונגערמאַן פאַרשווענדן זיין צייט אין לערנען קינדער? און משה ווערט אַ בוכהאַלטער אין דעם זיידנס־געשעפט פון זיין באַלעבאָס.

זיצט משה איבער די געשעפטס־ביכער אין דער פאַבריק ביי טאָג, און גראָבט זיך אין פילאָזאָפישע ביכער אין זיין פרייער צייט. ער לערנט זיך אויס גריכיש און לייענט די גריכישע פילאָזאָפן פון אַמאָל. ער באַגעגנט זיך אין די אָוונטן מיט זיינע פריינד און פאַרברענגט שעהן אין שמועסן וועגן קונסט און וויסנשאַפט. ער דערלאָזט ניט, אַז די געשעפטן זאָלן אים אין גאַנצן איינשלינגען. אַפילו ווען ער ווערט דערהויבן צו זיין דער פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק, און אַפילו ווען ער ווערט שוין אַ שותף אין דעם זיידנס־געשעפט, פאַרלירט ער ניט אויף אַ האָר אַפילו זיין ליבשאַפט צו לערנען און צו וויסן: ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש און ניט פאַר זיך אַליין לעבט דער מענטש.

איצט אַז די זאָרג פֿון מאָרגן איז שוין אַריבער, העלפֿט משה אַרויס אַנדערע אָרעמע יונגעלייט, וואָס קומען קיין בערלין פֿון פּוילן און פֿון עסטרייַך און פֿון ליטע. ער געפֿינט פֿאַר זיי אַרבעט צווישן זײַנע באַקאַנטע רײַכע ייִדן פֿון שטאָט. ער געפֿינט פֿאַר זיי לערערס און ער לערנט אַליין מיט זיי. ער צאָלט אָפּ פֿאַר די טובֿות וואָס גוטע מענטשן האָבן אים געטאָן, ווען ער איז געקומען פֿון דעסוי אַ פֿרעמדער, אַן עלנטער. זײַן הויז איז אַ זאַמלפּלאַץ פֿאַר אַלע, וואָס זוכן וויסן און פֿאָרשן דעם אמת. אונטער זײַן דאַך פֿאַרזאַמלען זיך ייִד און קריסט, הי־געבאָרענער און ניי־געקומענער.

משה האָט חתונה. ער וווינט אין אַ רויִק הויז מיט אַ גאָרטן אַרום. זײַן ווײַב פֿרומע היט אים אָפּ און לאָזט אים אומגעשטערט לערנען און פֿאָרשן.

זייער אַ שיינע מעשׂה ווערט דערציילט ווי אַזוי משה האָט זיך באַגעגנט מיט זײַן כּלה פֿרומע.

אַ סוחר פֿון דער שטאָט האַמבורג, רב אַבֿרהם גוגענהיים, האָט געהערט פֿון דעם גוטן נאָמען, וואָס משה האָט זיך געמאַכט, און ער האָט אים געוואָלט פֿאַר זײַן שטילער טאָכטער פֿרומע. ער האָט געשריבן אַ בריוו צו אַ פֿרײַנד אין בערלין און יענער האָט געגעבן אָנצוהערן משהן וועגן דעם שידוך. משה איז געפֿאָרן קיין האַמבורג און איז זייער שיין אויפֿגענומען געוואָרן סײַ פֿון די עלטערן סײַ פֿון דער טאָכטער. נאָר אויף מאָרגן, ווען משה האָט אָנגעהויבן צו ריידן פֿון שידוך, האָט ער געקראָגן אַ קאַלטן ענטפֿער. משה האָט באַלד פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז זײַן הויקער שולדיק.

— קאָן איך זיך געזעגענען מיט פֿרומען איידער איך פֿאָר אַוועק?

— פֿאַר וואָס ניט?

משה האָט געטראָפֿן פֿרומען ווי זי זיצט און נייט אויס אירע בלויע אויגן זײַנען געווען פֿאַרטרערט. משה האָט פֿאַר־

פירט מיט איר אַ שמועס. ער האָט גערעדט און זי האָט זיך איינגעהערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. משה האָט דערציילט פון זיינע יונגע יאָרן אין דעסוי און פון זיינע הונגעריאָרן אין בערלין. ער האָט גערעדט פון זיינע פּלענער און פון זיינע האָפענונגען. ביסלעכווייז האָט פרומע אויפגעהויבן אירע אויגן פון איר אַרבעט און האָט דערנאָך אין גאַנצן פאַרגעסן, צי זי האַלט עפּעס אין אירע הענט. זי איז געזעסן און נייגעריק זיך צוגעהערט צו די קלוגע רייד פון דעם יונגנמאַן מיטן הויקער אויפן רוקן.

דער שמועס איז אַרויף אויף אַלטע ייִדישע ספרים. משה האָט דערציילט די לעגענדע:

„דרייסיק טעג איידער אַ קינד ווערט געבאָרן, רופט אויס אַ שטים אין הימל מיט וועמען דער מענטש וועט חתונה האָבן. און יעדער קינד וואָס ווערט געבאָרן אויף דער ערד האָט ערגעץ פאַר זיך אַ באַשטימטע פּאָר פאַר אַ באַשערטן אָדער אַ באַשערטע, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן נאָך אין הימל. און זאָל אַפילו דער באַשערטער, אָדער די באַשערטע, זיין אין דער צווייטער עק וועלט, און זאָלן אַפילו טיפע ימים און הויכע בערג צעטיילן די צוויי מענטשן, וועלן זיי ניט רוען און זיי וועלן זייער גליק ניט געפינען, ביז זיי וועלן זיך ניט אָפּזוכן איינס דאָס אַנדערע".

— ווייסט איר ווער עס איז אייער באַשערטע? — האָט פרומע געפרעגט.

— אַוודאי ווייס איך. זי איז אַ שיינע, אַ קלוגע, אַ פרומע, און האָט בלויע אויגן. אָבער זי ווייס ניט אַז ווען ניט איך, וואָלט מיט איר אַ גרויס אומגליק געשען.

פרומע האָט ברייט געעפנט אירע בלויע אויגן און געוואָלט וויסן, וואָס ער מיינט דערמיט. דערויף האָט משה געוואַרט, און ער האָט ווייטער דערציילט:

„זי איז טאַקע שיין און קלוג און געראָטן, נאָר זי האָט

געזאָלט געבאָרן ווערן מיט אַ הויקער אויף איר רוקן וואָס וואָלט געווען פאַרביטערט איר גאַנץ לעבן".

פרומע האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ. און משה האָט ווייטער געשפינט די מעשה:

„די מלאָכים אין הימל האָבן פאַרגאָסן טרערן פאַר רחמנות. אַלע נשמות האָבן געוויינט און געקלאָגט. אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן. באַשערט איז באַשערט. נאָר דאָ בין איך געקומען פאַרן אייבערשטן און האָב געבעטן:

— גאָט, אויב עס איז דיין ווילן אַז איינער פון אונדז זאָל טראָגן אַ הויקער אויפן רוקן, גיב אים בעסער מיר צו טראָגן. איך וועל זיין אַ מאַן, און ביי אַ מאַן מאַכט ניט אויס צי ער איז שיין, צי ניט. אָבער זי, אַ פרוי, וועט זיין אומגליקלעך איר גאַנץ לעבן מיט אַזאַ מום.

דער אייבערשטער האָט באַוויליקט מיין פאַרלאַנג, און איך טראָג דעם הויקער, וואָס האָט געזאָלט אויסקרימען דעם רוקן פון מיין באַשערטע".

משה איז שטיל געבליבן. פרומעס בלויע אויגן זיינען פאַרצויגן געוואָרן מיט טרערן. זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס משה האָט געמיינט מיט דער שיינער אויסגעטראַכטער מעשה וועגן הויקער.

פרומע איז געוואָרן משהס ווייב.

משה מענדלסאָנס ערשט בוך

לעסינג האָט אַ מאָל געבראַכט אַ בוך פון אַ באַרימטן אוי־טאָר צו מענדלסאָנען און אים געבעטן וואָס גיכער אי־בערצוקוקן און אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן די געדאַנקען, וואָס ווערן אין דעם בוך אַרויסגעבראַכט. ווען מענדלסאָן האָט דאָס בוך איבערגעלייענט, האָט ער געזאָגט, אַז ניט מיט אַלעמען, וואָס אין בוך שטייט געשריבן איז ער מסכּים און אַז ער וואָלט געקענט באַווייזן די טעותן פון דעם אויטאָר.

משה מענדלסאָן ביי אים אין שטוב אין אַ שמועס מיט פריינד.
(אין צענטער שטייט אפרים לעסינג)

— פֿאַר וואָס טוסטו דאָס ניט ? האָט אים לעסינג ניט אָפּ־געלאָזט.

און מענדעלסאָן האָט מיט אַ צײַט שפּעטער דערלאַנגט זײַן פֿרײַנד אַ פּעקל פּאַפּירן, פֿאַרשריבן מיט אַ ריינער פּערל־דיקער האַנטשריפֿט. לעסינג האָט דעם מאַנוסקריפּט גענומען מיט זיך אַהיים און צוגעזאָגט דורכצולייענען, ווען ער וועט צײַט האָבן. עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. לעסינג האָט אַ וואָרט ניט דערמאָנט פֿון דעם מאַנוסקריפּט, און משה האָט זיך געשעמט צו פֿרעגן. ווען עס זײַנען אַוועק נאָך עטלעכע וואָכן און לעסינג האָט אַלץ ניט געזאָגט קיין וואָרט, איז שוין משה געווען זיכער, אַז דאָס בוך געפֿעלט אים ניט, נאָר ער וויל אים ניט אָנטון קיין יסורים, דערפֿאַר פֿאַרשווײַגט ער עס אין גאַנצן. קיין ערגערער אומגליק האָט משהן ניט געקענט באַ־פֿאַלן, ווײַל העכער פֿון אַלץ אין דער וועלט איז בײַ אים געווען די מיינונג פֿון זײַן חבֿר לעסינג.

איין טאָג איז לעסינג אַ פֿריילעכער אַרײַנגעלאָפֿן אין דער קאַנטאָר, ווו מענדלסאָן האָט געאַרבעט און אַ וואָרף געטאָן אויפֿן טיש אַ געדרוקט ביכל און אַ בײַטעלע מיט געלט.

— נעם דאָס אַהיים, און דאָס געלט אויך. עס וועט דיר צו נוץ קומען.

און נאָך איידער משה האָט פֿון איבעררראַשונג געוווסט וואָס דאָ איז פֿאַרגעקומען, איז שוין לעסינג אַרויס.

עס איז גרינג זיך אויסצומאָלן די פֿרייד און דעם ציטער וואָס משה מענדלסאָן האָט געפֿילט איבער אַלע זײַנע גלידער, ווען ער האָט געעפֿנט דאָס ביכל און איבערגעלייענט אויפֿן שער־בלאַט:

פֿילאָזאָפֿישע געשפּרעכן פֿון מאָזעס מענדלסאָן.

דאָס האָט לעסינג אָן משהס וויסן אַוועקגעשיקט דעם מאַ־נוסקריפּט צו אַ ביכער־פֿאַרלאַג, און האָט אַרויסגעפֿירט דעם נאָ־מען פֿון זײַן פֿרײַנד מענדלסאָן אויף דער גרויסער וועלט.

פֿון יעמאָלט אָן האָט מען שוין דעם נאָמען מאָזעס מענדלסאָן גאַנץ אָפֿט באַגעגנט אין זשורנאַלן, און אויף שער-בלעטער פֿון ביכער.

מענדלסאָן האָט אָנגעשריבן אַ בוך מיטן נאָמען „פֿעדאָן", וואָס איז אין צוויי יאָר צײַט איבערגעדרוקט געוואָרן דרײַ מאָל אין דײַטש. עס איז באַרימט געוואָרן אויף דער גאַנצער קולטור-וועלט. מענטשן האָבן עס געלייענט אויף פֿראַנצייזיש, ענגליש, איטאַליעניש, סקאַנדינאַוויש און העברעיִש. אין דעם בוך „פֿעדאָן" באַווײַזט מענדלסאָן, אַז די נשמה פֿון דעם מענטשן איז אומשטערבלעך. דער קערפּער פֿון מענטשן לעבט אָפּ זײַן צײַט און שטאַרבט אָפּ. אָבער די נשמה בלײַבט אייביק לעבן.

מענדלסאָן האָט אָנגעשריבן אַן עסיי, וואָס האָט אים גע-וווּנען דעם ערשטן פּרײַז פֿון דער בערלינער אַקאַדעמיע.

צוזאַמען מיט זײַנע פֿרײַנד, לעסינג און ניקאָלאַי, האָט מענדלסאָן אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל. אין יענעם זשורנאַל האָט מענדלסאָן געשריבן וועגן ליטעראַטור אין דער פֿאָרעם פֿון בריוו.

אין איינעם אַזאַ בריוו האָט ער אָנגערירט דעם קיניג פֿריד-ריך אַליין. דער קיניג האָט ליב געהאַט צו שרײַבן לידער. מענדלסאָן האָט פֿראַנק און פֿרײַ, אָן מורא, געשריבן, אַז די לידער זײַנען ניט קיין געהויבענע, און אַז די פֿילאָזאָפֿישע גע-דאַנקען, וואָס דער קיניג זאָגט דאָרט אַרויס, זײַנען פֿאַלשע.

באַטראַכט זיך נאָר: פֿרידריך דער גרויסער און משה דער פֿרעמדער ייִד וואָס האָט אייגנטלעך אַפֿילו ניט קיין רעכט צו וווינען אין בערלין!

און ווילן דאַרפֿט איר, אַז די פֿיר און צוואַנציק ביכער איבער פֿילאָזאָפֿיע און געשיכטע און די זעקס ביכער לידער, וואָס דער קיניג האָט געשריבן זיינען אַלע אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון דער בערלינער אַקאַדעמיע פֿון וויסנשאַפֿט. יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געקענט האַלטן אַ פּען אין האַנט, האָט געשריבן לויבגעזאַנגען צו יעדן וואָרט, וואָס זיין עקסעלענץ, דער קיניג,

האָט אָנגעשריבן. און דאָ קומט אַ ייִד און געפינט גאָר חסרונות!

אָבער משה מענדלסאָן פון דעסוי איז אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט שוין געזען און געהערט ווי זײַנע זין ריידן האַרבע רייד צו מלכים און שרעקן זיך ניט צו זאָגן דעם אמת צו שטאַרקע און מעכטיקע. נתן הנביא האָט דאָס געטאָן. עמוס דער פאַסטעך האָט דאָס געטאָן. ישעיה און ירמיהו האָבן דאָס געטאָן.

באַלד נאָך דעם ווי דער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט מענדלסאָן באַקומען אַ באַפעל צו קומען פאַרן קיניג. ניט נאָר איז מענדלסאָן ניט באַשטראָפט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, ער איז דעם קיניג שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער איז נאָך דעם אָפט געקומען פאַר אים און פאַרבראַכט מיט אים. אין גאַנצן פאַרגעסן האָט עס פרידריך אָבער ניט. די בערלינער אַקאַדעמיע האָט אַרויפגעשטעלט מענדלסאָנס נאָמען אויפן צעטל פון אירע מיטגלידער. נאָר דער קיניג האָט דעם נאָמען אויסגעשטראָכן. די געלערנטע פון דער אַקאַדעמיע האָבן אַ צווייט מאָל אַרויפגעשטעלט דעם נאָמען פון דעם פילאָזאָף, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען אויף דער וועלט, אָבער אויך דאָס צווייטע מאָל האָט דער קיניג דעם נאָמען אויסגעמעקט. ביידע מאָל האָט דער קיניג ניט אָנגעגעבן קיין סיבה פאַר וואָס ער וויל ניט מענדלסאָנען אין זײַן אַקאַדעמיע. אָבער עס איז גרינג געווען צו טרעפן.

איז מענדלסאָן ניט געוואָרן קיין מיטגליד אין דער בערלינער אַקאַדעמיע. ער איז אָבער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער וועלט-אַקאַדעמיע פון געלערנטע, וואָס איבער איר האָבן קיין קיניגן און קיין פרינצן ניט קיין דעה. מענדעלסאָן אַליין האָט אַ מאָל געזאָגט:

— עס איז בײַ מיר ליבער, אַז דער קיניג זאָל מײַן נאָמען אויסמעקן איידער די אַקאַדעמיע זאָל מײַן נאָמען ניט אַרײַנשרײַבן.

און געלערנטע פון דער וועלט האָבן געהאַט דעם גרעסטן

דרך־ארץ פֿאַר דעם יִדישן פֿילאָזאָף פֿון דעסוי. אַנדערע האָבן אים גערופֿן „דער יִדישער סאָקראַטעס”, אַנדערע האָבן אים גערופֿן „דער פּלאַטאָ פֿון בערלין”. אַלע פֿאַרשטענדיקע מענטשן האָבן זיך געקוויקט מיט יעדן וואָרט, וואָס איז אַרויס פֿון זײַן פּען.

און דער גרויסער דײַטשישער פֿילאָזאָף עמנואל קאַנט האָט געזאָגט:

„מענדלסאָנס שרײַבן איז צום בעסטן צוגעפּאַסט פֿאַר פֿי־לאָזאָפֿיע. ווען די מוזע פֿון פֿילאָזאָפֿיע וואָלט זיך געדאַרפֿט אויסקלײַבן אַ שפּראַך, וואָלט זי אויסגעקליבן מענדלסאָנס שפּראַך”.

וואָס הערט זיך אין דער געטאָ?

מענדלסאָן מעג שוין אָפֿיציעל וווינען אין בערלין. פֿרידריך דער גרויסער האָט אים און זײַנע קינדער געגעבן די פּריווילעגיע צו וווינען ווו ער וויל אין בערלין און אין גאַנץ פּרײַסן. מענדלסאָן איז וועלט באַרימט. זײַן נאָמען איז שוין אַריבער די גרענעצן פֿון זײַן שטאָט און זײַן לאַנד. האָט מענדלסאָן פֿאַרגעסן, אַז זײַנע ברידער און שוועסטער שטיקן זיך נאָך אין דער געטאָ? האָט ער עס געקאָנט פֿאַרגעסן?

אין אַ בריוו צו אַ פֿרײַנד שרײַבט מענדלסאָן אַזוי:

„... אָפֿט מאָל גיי איך אַרויס שפּאַצירן מיט מײַן פֿרוי און קינדער. גאַסן־יונגן שרײַען אונדז נאָך זידלווערטער.

— טאַטע — פֿרעגט מיך מײַן קינד — וואָס שרײַט דער יינגל אונדז נאָך? וואָס האָבן מיר אים אַזוינס געטאָן?

—אַלע מאָל לויפֿן זיי אונדז נאָך אויף די גאַסן און רופֿן אונדז „יידן, יידן”! — קלאָגט זיך דאָס צווייטע קינד מײַנס — איז דאָס אַ שאַנד צו זײַן אַ ייד? וואָס אַרט דאָס זיי?

איך לאָז אַראָפּ מײַנע אויגן און איך זיפֿץ:

— אָ, מענטשן, ווי האָט איר דערלאָזט, אַז עס זאָל קומען דערצו״?

און ענטפֿערן אויף די זידלווערטער איז געווען אַרויסגע־וואָרפֿן. דאָס וואָלט נאָך אַרויסגערופֿן מער זידל און שפּאָט.

און קלאָגן זיך איז ניט געווען צו וועמען. קיינער וואָלט ניט באַשטראָפֿט געוואָרן פֿאַר אַזאַ קלייניקייט ווי לאַכן פֿון אַ ייִדן אָדער אַפֿילו שלאָגן אַ ייִדן.

אין יענע צײַטן פֿלעגט מען דערציילן מיט אַ ביטער גע־לעכטער פֿון דעם באַרימטן לעמבערגער מישפּט:

אַ ייִד איז געגאַנגען אין גאַס. קומט אָן אַ גאַסניונג און וואַרפֿט אים נאָך אַ שטיין. וואָס דען טוט מען, אַז מע באַגעגנט אַ ייִדן? אָבער דאָ האָט געטראָפֿן, אַז דער ייִד האָט באַ־צײַטנס אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זײַט און דער שטיין האָט געטראָפֿן אין אַ פֿענצטער. וואָלט אויך ניט געווען קיין אומגליק. אויב ניט קיין ייִדישער קאָפּ, זאָל זײַן אַ ייִדיש פֿענצטער. איז אָבער דאָס פֿענצטער געווען ניט פֿון אַ ייִדיש הויז נאָר פֿון אַ קריסטלעך הויז. איז דער באַלעבאָס אַרויסגעלאָפֿן און געשלעפּט דעם ייִדן צום געריכט. האָט דער ריכטער אויסגעהערט די גאַנצע מעשׂה און ער האָט אַרויסגעטראָגן זײַן פּסק.

— ווען דער ייִד וואָלט ניט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, וואָלט דאָך דער שטיין ניט געטראָפֿן אין פֿענצטער אַרײַן, איז דער ייִד דעריבער שולדיק און ער דאַרף באַצאָלן פֿאַר דעם שאָדן.

פֿון דעם, אַז מע דאַרף באַשטראָפֿן דעם שטיינוואַרפֿער, איז גאָר קיינעם ניט אײַנגעפֿאַלן.

דײַטשישע גערעכטיקייט!

ניין, מענדלסאָן האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט פֿאַר־געסן, אַז דײַטשלאַנד איז אַ גיהנום פֿאַר טויזנטער ייִדן.

און ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף מענדלסאָנען ווי אויף זייער אויסלייזער. ווען עס איז אָנגעקומען אַ צרה אויף ייִדן, איז מען באַלד אַוועק צו מענדלסאָנען. און דורך זײַן איי־

גענעם נאָמען און דורך זײַנע אָנצאָליקע פֿרײַנד אין די הויפֿן פֿון די קיניגן און פּרינצן האָט מענדלסאָן אָפּט פֿאַרמידן אַן אומגליק אויף אַ יידישער קהילה.

די יידן פֿון עלזאַס האָבן זיך געווענדט צו מענדלסאָנען, אַז ער זאָל עפּעס טאָן צו פֿאַרבעסערן זייער לאַגע. מענדלסאָן האָט געבעטן זײַן קריסטלעכן פֿרײַנד קריסטיאַן ווילהעלם דאָהם, אַז ער זאָל אָנשרײַבן אַ בוך וואָס זאָל אויפֿוועקן דאָס געוויסן פֿון דער וועלט צו דער אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אַ גאַנץ פֿאָלק. דער יונגער שרײַבער דאָהם האָט אָנגעשריבן אַ בוך מיטן נאָמען „וועגן דער לאַגע פֿון די יידן ווי בירגער". דאָרט זאָגט דער שרײַבער, אַז די קריסטן זײַנען שולדיק אין דעם וואָס יידן זײַנען הענדלערס און גלעטלײַערס, און מוזן אָפּט אָנקומען צו ניט ערלעכע מיטלען צו פֿאַרדינען זייער ברויט. זאָלן נאָר יידן קריגן גלײַכע רעכט מיט אַלע בירגער, וועלן זיי מיט זייערע פֿעיִקייטן ברענגען גרויסע נוצן דעם לאַנד. אין נאָמען פֿון גערעכטיקייט, און פֿאַר דער טובֿה פֿון די לענדער, פֿאַרדערט דאָהם, אַז מען זאָל פֿון די יידן אַראָפּנעמען אַלע קייטן, וואָס די רעגירונגען האָבן אויף זיי אַרויפֿגעטאָן. זאָל מען זיי לאָזן וווינען ווו זיי ווילן, זאָלן זיי קענען לערנען אַ מלאָכה, זאָל מען זיי לאָזן ווערן ערד־אַרבעטער, זאָל מען זיי געבן אַ פֿרײַע האַנט אין די פּראָפֿעסיעס און אין אַלע צווײַגן פֿון דער אינדוסטריע און פֿון בילדונג. זיי וועלן זײַן אַ ברכה פֿאַר די לענדער, ווו זיי וווינען.

אַזוינע געדאַנקען און אַזוינע פֿאָדערונגען זײַנען געווען שטאַרק געוואָגט פֿאַר יענער צײַט. יידישע שונאים האָבן אויפֿגעהויבן אַ געשריי, אַז יידן האָבן אָפּגעקויפֿט דעם שרײַבער. אָבער דאָס בוך האָט אויך געמאַכט אַ טיפֿן אײַנדרוק. ערלעכע מענטשן איבער גאַנץ דײַטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן צו פֿרעגן:

— איז דען ניט דאָהם גערעכט? דאַרף מען טאַקע טויזנטער מענטשן באַהאַנדלען ווי נידעריקע באַשעפֿענישן דערפֿאַר וואָס זיי דינען צו אַן אַנדער גאָט ווי די מערהייט פֿון לאַנד?

און אין אַ צאָל דײַטשישע קיניגרײַכן האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פּלענער ווי צו פֿאַרריכטן די אומגערעכטיקייט.

מענדלסאָן אַליין האָט אָנגעשריבן אַן אַרײַנפֿיר צו אַ בוך וואָס זײַנער אַ פֿרײַנד האָט איבערזעצט פֿון ענגליש. דאָס בוך איז „אַן אַפּאָלאָגיע פֿאַר די ייִדן" פֿון מנשה בן ישׂראל, און דעם אַרײַנפֿיר רופֿט מענדלסאָן „די רעטונג פֿון די ייִדן". אין דעם אַרײַנפֿיר זאָגט מענדלסאָן מיט ווייטאָג:

„אונדזערע שׂונאים וואַרפֿן אונדז אויף, אַז מיר זײַנען פֿויל, אַז מיר ווילן ניט אַרבעטן און מיר לערנען ניט קיין נוצלעכע מלאָכות. ווי אַזוי זאָל אַ ייִד זיך לערנען האַלטן אין די הענט דעם אַקער, דעם האַמער און דעם גראַבאײַזן, אַז ער ווייס, אַז מע וועט אים ניט לאָזן אַרבעטן מיט זיי? צום ערשט בינדט מען אונדז די הענט און דערנאָך וואַרפֿט מען אונדז אויף, אַז מיר נוצן זיי ניט".

שפּעטער שרײַבט מענדלסאָן אַן אַ בוך מיטן נאָמען „ירושלים". אין דעם בוך דערקלערט מענדלסאָן פֿאַר דער ניט־ייִדישער וועלט וואָס עס איז אַזוינס די ייִדישע רעליגיע און דאָס ייִדישע לעבן. אין איין שטעל זאָגט ער אַזוי:

„מאָלט זיך אויס, אַז אַ פֿײַער ברעכט אויס אין מײַן הויז. די פֿלאַמען האָבן שוין אַרומגעוויקלט דעם ערשטן גאָרן און די ווענט האַלטן אין פֿאַלן. וואָס זאָל איך טאָן? זאָל איך לויפֿן אויף דעם אייבערשטן גאָרן זיך ראַטעווען פֿון דעם פֿייער? קאָן איך געראַטעוועט ווערן אויפֿן דאַך פֿון הויז, ווען די גאַנצע געבײַדע, אויף וועלכער דער דאַך האַלט זיך, פֿאַלט אײַן?

און ווען איר זעט ווי איינער גראָבט אונטער דעם פֿונדאַמענט פֿון דער ייִדישער רעליגיע, שטעלט איר זיך גאָרניט די פֿראַגע: „וואָס וועט ווערן פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע, וואָס איז געבויט אויף דער ייִדישער?"

מענדלסאָן האָט געוואָלט עפֿענען די אויגן פֿון דער וועלט צו זען דעם אמת, אַז די וועלט איז ווי אַ הויז און די מענטשן, וואָס וווינען אין דעם הויז, דאַרפֿן לעבן ווי ברידער און שוועס־

טער. זאָל קיינער ניט מיינען, אַז דערפֿאַר, וואָס ער לעבט אויפֿן אייבערשטן גאָרן פֿון הויז, דאַרף אים ניט אַרן, וואָס עס געשעט מיט די, וואָס וווינען אין אונטערשטן גאָרן. קיין לאַנד קאָן זיך ניט ריכטן אויף גוטס, אויב אַ טייל בירגער ווער, באַהאַנדלט ווי פֿרעמדע, ווי נידעריקע.

אין דער זעלבער צײַט האָט לעסינג אויך אָנגעשריבן זײַן דראַמע, וואָס איז פֿריִער דערמאָנט געוואָרן, די דראַמע „נתן דער חכם". דאָרט רעדט לעסינג די זעלבע רייד, וואָס דאָהם און מענדלסאָן האָבן גערעדט צו דעם געוויסן פֿון די דייטשן און צו דער גאַנצער וועלט. ייִדן זײַנען מענטשן גלײַך ווי אַלע מענטשן. מענטשן האָבן אַ רעכט צו גלייבן אין וואָס זיי ווילן, און טאָרן ניט באַשטראָפֿט ווערן און באַרויבט ווערן פֿון זייערע רעכט איבער דעם גלויבן פֿון זייערע עלטערן.

מענדלסאָן, דאָהם, לעסינג, און דערנאָך זײַנען געקומען אַנדערע, וואָס זייער צאָל איז צו גרויס זייערע נעמען צו דער־מאָנען. יעדערער אויף זײַן שטייגער און יעדערער אויף זײַן אייגענעם פֿעלד האָבן געאַקערט און פֿאַרזייט, און דער וווּנדער איז געשען: די ווענט פֿון דער געטאָ זײַנען אײַנגעפֿאַלן. נײַע ווינטן, פֿרײַע ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן איבער דער לענג און ברייט פֿון אייראָפּע.

אַ שאָד נאָר, וואָס ניט לעסינג און ניט מענדלסאָן האָבן דערלעבט צו זען די פֿרוכט פֿון זייער מי.

וואָס האָט מענדלסאָן אויפֿגעטאָן?

מענדלסאָן האָט אַזוי געטראַכט:

ייִדן אין דײַטשלאַנד לעבן אין אַ צווייעדיקער געטאָ.

איין געטאָ האָט אויפֿגעשטעלט די אַרומיקע וועלט, די ניט־ייִדישע וועלט. די צווייטע געטאָ האָבן ייִדן אַליין אַרום זיך אַרומגעצוימט. זיי האָבן זיך און זייערע קינדער אָפּגעזונ־דערט און אײַנגעשלאָסן אין אַן אייגענער וועלט. פֿון דער וועלט

אַרום זיי, פֿון דער גרויסער וועלט האָבן זיי ניט געוואָלט וויסן.ביידע געטאָס דאַרף מען אַפּרוימען.

מענדלסאָן איז געווען גערעכט.

האָבן מיר געזען ווי אַזוי מענדלסאָן מיט זײַנע חבֿרים האָבן געשטורעמט די ערשטע געטאָוואַנט. מיר האָבן געזען ווי מענדלסאָן האָט געהאָלפֿן אָפּשאַפֿן די פֿאַלשע מיינונגען וועגן ייִדן, אַז אַ ייִד קען ניט זײַן איידל און פֿײַן, אַז אַ ייִד איז גאָר קיין מענטש ניט. דאָס איז געווען אַ גרויסער אויפֿטו פֿאַר ייִדן.

די ייִדן אַליין האָבן אויך מורא געהאַט פֿאַר דער וועלט און פֿאַר דעם לעבן, וואָס קומט פֿאַר אויף יענער זײַט פֿון דער געטאָ. דאָס איז געווען פֿאַרשטענדלעך. איר האָט געזען ווי שלעכט די וועלט איז צו זיי געווען. ייִדן איז פֿאָרגעקומען, אַז אַלץ וואָס איז דאָרטן, איז ניט גוט, מיסתּמא אויך נאַריש. שלעכטסקייט קומט דאָך אָפֿט פֿון נאַרישקייטן. אָבער די וועלט האָט זיך אַנטוויקלט. מענטשן זײַנען געוואָרן קליגער, בעסער. אָט האָבן דאָך ניט-ייִדן, אפֿרים לעסינג, קריסטיאַן ווילהעלם דאָהם און נאָך און נאָך אַנדערע זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר ייִדן און געמאָנט פֿאַר זיי מענטשלעכע רעכט. אַ סך ייִדן האָבן וועגן דעם ניט געוווּסט. זיי האָבן נישט געלערנט די שפּראַכן פֿון אַנדערע פֿעלקער, ניט געלייענט זייערע ביכער און ניט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. דאָס האָט ניט געטויגט. מען האָט געדאַרפֿט אויך צעברעכן די וואַנט, די גײַסטיקע וואַנט, מיט וועלכער ייִדן אַליין האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון דער וועלט.

אָבער ווי אַזוי האָט מענדלסאָן אײַנגעבראָכן די צווייטע, די אייגענע געטאָוואַנט?

מענדלסאָן האָט אָנגעהויבן מיט די קינדער.

ער האָט געעפֿנט שולן פֿאַר די ייִדישע קינדער פֿון דער געטאָ. די שולן האָט ער גערופֿן „פֿרײַע ייִדישע שולן".

מיט וואָס זײַנען די מענדלסאָן-שולן געווען אַנדערש פֿון די חדרים? אין די חדרים האָט מען געלערנט נאָר דאַוונען און הייליקע ספֿרים. אין די פֿרײַע שולן האָט מען מיט די קינדער געלערנט דײַטש, פֿראַנצייזיש, מאַטעמאַטיק, נאַטור-וויסן און תּנך.

מענדלסאָן און זײַנע חבֿרים האָבן איבערגעזעצט די פֿינף חומשים פֿון דער תּורה. די איבערזעצונג האָט ער געמאַכט אין אַ גרינגער דײַטשישער שפּראַך און געדרוקט מיט ייִדישע אותיות. דורך דעם זאָלן זיך די קינדער אויסלערנען די לאַנד-שפּראַך און צו דער זעלבער צײַט לערנען דעם חומש.

יונגעלײַט פֿון אַלע שטעט פֿון דײַטשלאַנד, פֿון פּוילן און פֿון רוסלאַנד האָבן זיך געצויגן צו מענדלסאָנען קײַן בערלין. די דאָזיקע יונגעלײַט האָבן זיך דערנאָך צעשפּרייט איבער די ייִדישע גאַסן און געבראַכט מיט זיך די נײַע געדאַנקען. זיי האָבן קעגן דעם ווילן פֿון זייערע עלטערן און קעגן דעם ווילן פֿון אַלע פֿרומע לײַט אַרײַנגעבראַכט נײַ וויסן צווישן ייִדן. זיי האָבן זיך גערופֿן „משׂכּילים" וואָס אויף ייִדיש איז עס דער טײַטש אויפֿקלערער. פֿרומע ייִדן האָבן זיי גערופֿן די „בערלינער חבֿרה" און האָבן אויף זיי געזאָגט אַז זיי זײַנען אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג.

וואָס פֿאַר אַ נײַס האָבן די משׂכּילים געבראַכט אין די ייִדישע גאַסן און אין די ייִדישע היימען?

זיי האָבן געגלייבט אַז אַלע צרות קומען אויף דער וועלט צוליב דעם וואָס מענטשן זײַנען ניט געבילדעט. ניט-ייִדן, ווען זיי וועלן ווערן געבילדעט, וועלן אויפֿהערן פֿײַנט צו האָבן ייִדן, און ייִדן — ווען זיי וועלן זײַן געבילדעט — וועלן אויפֿהערן זיך שרעקן פֿאַר דער וועלט. יעמאָלט וועלן ייִדן זײַן גלײַך מיט אַלעמען און וועלן האָבן גלײַכע רעכט.

די משׂכּילים האָבן געזאָגט אַז עס טויג ניט וואָס צו פֿיל ייִדן זײַנען הענדלערס און פּעדלערס און וואָס כּמעט אַלע ייִדן לעבן אין שטעט און שטעטלעך. ייִדן וואָלטן געדאַרפֿט אַוועק פֿון די שטעט און שטעטלעך און ווערן אויך פֿאַרמערס. יעמאָלט,

האָבן די משׂכּילים געזאָגט, וואָלט די וועלט געקוקט אויף זיי מיט בעסערע אויגן. יעמאָלט וואָלט מען ניט אויף ייִדן געזאָגט, אַז זיי זײַנען פֿויל און ווילן ניט אַרבעטן.

מיט זײַן אָנטאָן האָט זיך דער משׂכּיל אויך אונטערשיידט פֿון אַנדערע ייִדן. דער ייִד פֿון יענער צײַט האָט געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע און באָרד און פּאות. דער משׂכּיל אָבער האָט געטראָגן אַ קורץ רעקל און האָט אַרומגעשאָרן די באָרד. ער האָט ניט שטאַרק אָפּגעהיט אַ סך ייִדישע מינהגים.

אָבער מענדלסאָן, און נאָך דעם זײַנע תּלמידים, האָבן ניט געזען אַ סך גוטע זאַכן וואָס זײַנען דאָ בײַ ייִדן. פּשוטע ייִדן האָבן ליב ייִדיש, זייער שפּראַך, האָבן ליב אַ ייִדיש לידל, אַ שיינע ייִדישע מעשׂה. מענדלסאָן און זײַנע תּלמידים האָבן עס אַלץ פֿײַנט געהאַט. מענדעלסאָן האָט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן וואָס גיכער פֿאַרגעסן ייִדיש און אַריבערגיין צו דײַטש און אַנדערע שפּראַכן. מענדלסאָן האָט געמיינט, אַז ייִדן דאַרפֿן זײַן אַנדערש פֿון ניט-ייִדן בלויז מיט דער רעליגיע, זיי דינען בלויז צו אַן אַנדער גאָט ווי די קריסטן, אָבער ווײַטער זײַנען זיי דײַטשן אין דײַטשלאַנד, פּאָליאַקן אין פּוילן, רוסן אין רוסלאַנד. ייִדן דאַרפֿן נאָכטאָן אין אַלץ און אין אַלעמען די גויִם. אַז ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק מיט אַן אייגענער קולטור, מיט אייגענע געוווינהייטן, מיט אייגענע טראַדיציעס, דאָס האָבן די משׂכּילים ניט געוואָלט אײַנזען. זיי האָבן אויך ניט אײַנגעזען ווי מיאוס עס איז פֿאַר אַ פֿאָלק נאָכצוטאָן און נאָכצוקרימען אַן אַנדער פֿאָלק בלויז דערפֿאַר וואָס יענער איז שטאַרקער און גרעסער.

אָבער וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון דעם?

אין די היימען פֿון מענדלסאָנס תּלמידים האָט מען אויפֿגעהערט צו ריידן ייִדיש, זייערע קינדער האָבן פֿײַנט געקראָגן די פּשוטע ייִדן, וואָס האָבן ניט געקענט קיין דײַטש. די קינדער אין זייערע היימען האָבן אָנגעהויבן צו לעבן ווי די ניט-ייִדישע שכנים און ביסלעכווײַז האָבן זיי זיך אַסימילירט.

פֿון אַסימילאַציע ביז צו שמד איז בלויז אַ קליינער טריט.

וואָס איז געוואָרן פֿון מענדלסאָנס משפּחה? משה מענדל-סאָן אַליין איז געווען אַ געטרייער ייִד. ער האָט געוואָלט העלפֿן זײַן פֿאָלק, אָבער פֿון זײַנע קינדער איז נאָר יוסף מענדלסאָן, זײַן עלטסטער זון, געבליבן אַ ייִד. די אַנדערע קינדער און אַלע זײַנע אייניקלעך זײַנען שוין געווען לוטעראַנער און קאַטויליקן. דער קאָמפּאָזיטאָר פֿעליקס מענדלסאָן, דער זון פֿון אַבֿרהם מענדלסאָן און אַן אייניקל פֿון משה מענדלסאָן, איז שוין אויסגעוואַקסן אַ פֿרומער קריסט. דאָס וואָס עס האָט זיך געטראָפֿן אין מענדלסאָנס משפּחה האָט זיך געטראָפֿן אין גאָר אַ סך ייִדישע היימען פֿון דײַטשלאַנד.

מענדלסאָנס טויט

מענדלסאָן איז פֿינף און פֿופֿציק יאָר אַלט. ער האָט דורכגע-לעבט אַן אינטערעסאַנט לעבן: פֿון דער שפּיטאָלגאַס אין דעם שטעטעלע דעסוי ביז צו וועלט-באַרימטקייט. ער איז רײַך אין כּבֿוד און אין פֿרײַנד, נאָר אין געזונט איז ער זייער שוואַך. קיין מאָל קיין גרויסער גיבור ניט געווען, איז ער איצט אָפֿט קראַנק. ער איז מער אין בעט ווי בײַם שרײַבטיש.

זײַנע קינדער און זײַנע חבֿרים ווייסן אַז די טעג פֿון דעם לערער און פֿאָטער זײַנען געציילטע. קלײַבן זיי זיך צוזאַמען יעדן פֿרימאָרגן אַרום אים און הערן זײַנע רייד. ער קאָן שוין ניט שרײַבן, אָבער ער קאָן דערציילן וואָס ער האָט פֿריער איבער-געטראַכט און נאָכגעקלערט. און אין די שטילע שעהן פֿון פֿרי-מאָרגן שמועסט זיך משה מענדלסאָן דורך מיט אַ קליינער גרופּע יונגע תּלמידים און מיט זײַן עלטסטן זון יוסף. פֿון די שמועסן איז אַרויסגעקומען דאָס בוך מיטן נאָמען: „מאָרגענשטונדען”. דאָס איז געווען דאָס לעצטע בוך וואָס איז אַרויס פֿון מענדלסאָנס פּען.

מענדלסאָן דערמאָנט אָפֿט זײַן פֿרײַנד לעסינג וואָס איז שוין



די הויז אין דעסוי וואו משה מענדלסאָן איז געבאָרן געוואָרן

פֿינף יאָר טויט. מיט די גאַר לעצטע כּוחות האָט ער אָנגע־שריבן אַ ביכעלע מיטן נאָמען: „צו די פֿרײַנד פֿון לעסינג". ווען ער האָט דעם מאַנוסקריפּט אַליין אָפּגעטראָגן צום דרוקער, איז געווען אַ קאַלטער ווינטערטאָג. האָט ער זיך צוגעקילט און איז שוין מערניט אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט.

איין מאָל אין דער פֿרי האָבן אים די פֿרײַנד געפֿונען מיט אַ שמייכל אויף די טויטע ליפּן און זײַנע אויגן זײַנען געווען גע־ווענדט צו דעם ביוסט פֿון זײַן פֿרײַנד, אפֿרים גאָטהאָלד לעסינג, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש לעבן דעם בעט.

גאַנץ דײַטשלאַנד האָט געטרויערט אין דעם טאָג פֿון דער לוויה. ייִדן און קריסטן האָבן געשלאָסן זייערע געשעפֿטן און אַוועקגעלייגט זייערע אַרבעטן און געגאַנגען אָפּגעבן מענדל־סאָנען דעם לעצטן כּבֿוד. טרייסטבריוו זײַנען אָנגעקומען פֿון אַלע עקן וועלט. ווי יתומים האָבן זיך געפֿילט ניט נאָר די קינדער נאָר טויזנטער תּלמידים און פֿרײַנד.

עמנואל קאַנט, דער גרויסער דײַטשישער פֿילאָזאָף, האָט געקלאָגט און געזאָגט:

— „אָ, עס איז בלויז איין מענדלסאָן געווען".

און זײַנע תּלמידים האָבן געזאָגט:

— „משה דער זון פֿון עמרם האָט אַרויסגעפֿירט די ייִדן פֿון דער קנעכטשאַפֿט פֿון מצרים, און משה, דער זון פֿון מענדל, האָט אַרויסגעפֿירט די ייִדן פֿון פֿינצטערניש פֿון דער געטאָ".

און די שטאָט דעסוי האָט אויפֿגעשטעלט אַ מאָנומענט צו דערציילן די קינדער און קינדס קינדער, אַז דאָ איז געבאָרן געוואָרן דער גרויסער מענדלסאָן.

און אין דעם הויז אויף דער שפּיטאָלגאַס, ווו עס האָבן געלעבט דער ייִד מענדל און זײַן ווײַב שׂרה, האָט מען אײַנגע־זאַמלט אַלץ וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דעם לעבן פֿון דעם קינד וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן. און מענטשן פֿון נאָענט און ווײַט פֿלעגן קומען אין דעם מענדלסאָן־מוזיי אויף דער שפּיטאָלגאַס פֿון דעסוי.

אַ ביוסט פון משה מענדלסאָן

קינדער־רינג־ביבליאָטעק

סעריע: היסטאָרישע געשטאַלטן

נאָר וואָס דערשינען:

1. רשי, רבינו גרשום, יהודה חסיד .... פון יודל מאַרק
2. יצחק אַברבנאל .... פון י. מעצקער
3. דוד הראובני, שלמה מולכו .... פון יודל מאַרק
4. משה מענדעלסאָן .... פון ב. סיגאַל
5. ביניש מיכאַלעוויטש .... פון י. פאַט
6. מאָרים ראָזענפעלד .... פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק:

1. רב עקיבא
2. רב און שמואל
3. רב אשי
4. שמואל הנגיד
5. יהודה הלוי
6. בנימין פון טודעלאָ
7. רמבם
8. שבתי צבי
9. ב. שפינאָזאַ
10. א. אַקאָסטאַ
11. מנשה בן ישראל
12. ר׳ ישראל בעל שם טוב
13. מ. מאָנטעפיאָרע
14. ג. ריסער
15. א. קרעמיע
16. דרייפוס
17. זונדעלעוויטש
18. הירש לעקערט
19. גערשוני
20. י. ל. פּרץ
21. ברוך וולאַדעק
22. מאיר לאָנדאָן
23. די מעשה פון יידיש